בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# סֵפֶר
# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת בְּהַר

תשפ"ד

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

זָאל אִיךְ טֵיילְן דִי יְרוּשָׁה פַאר דִי קִינְדֶער בַּיי מַיין לֶעבְּן?..........................א
פַארְוָואס בַּאקוּם אִיךְ נִישְׁט קַיין עֶנְטְפֶער אוֹיף מַיינֶע בְּרִיוו?..........................ד
בַּיי וֶועלְכֶע סְפָרִים זָאגְט מֶען דִי וֶוערְטֶער מִיטְן מוֹיל?..........................ו
הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דְרָאגְס פַאר אוּמְזִיסְט?..........................ז
טוּן אַ שִׁידוּךְ מִיט אַ בַּעֲלַת תְּשׁוּבָה?..........................ח
פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַזוֹי אוּמְבַּאקְוֶועם בַּיי מַיין שְׁוֶוער?..........................י
פַארְוָואס אִיז אוּנְזֶער שׁוּל אַזוֹי צֶעפָארְן?..........................יא

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אַ גֶעפִיל אוּן שֵׂכֶל צוּ הֶעלְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת..........................א
יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן נֶעמֶען דִי מַהֲדוּרָה פוּן "אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל" ..........................א
זַיין אִין אָפִּיס פוּן נֵיין אַזֵייגֶער בִּיז אַ מִינוּט צוּ פִינְף..........................א
לֶערְן מִיט דִי בָּחוּרִים, שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי, שְׁפַּאצִיר מִיט זֵיי ..........................ב
וָואס רֶעדְט מֶען צוּ אֵיינֶעם וָואס אִיז שׁוֹין וַוייט?..........................ג
נֶעם אַ פַּרְנָסָה וָואס אִימֶער, אַבִּי נִישְׁט צוּ גֵיין לֵיידִיג..........................ד
טְרַאכְטְס פוּן אֵיין גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיר הָאט..........................ה
הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַיין מַאן זָאל הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶע סֵדֶר ..........................ו
מִיט אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, אִיז דָא נִסִים גְלוּיִים ..........................ז
דִי עֶרְלִיכֶע זָאלְן זַיין דִי אַרוֹיפְגֶעקוּקְטֶע..........................ח
זָאל זִיךְ דִי וֶועלְט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, בָּארְגְן גֶעלְט אִיז נִישְׁט קַיין אַפְּצִיעֶ ..........................ט
אַן עֵצָה אוֹיף אַלֶע עֵצוֹת..........................י
אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אִיז נָאר פַאר אֵיין סִיבָּה..........................יב
לָאז נִישְׁט דַיין זוּן דְרֵייוְון אַן לֵייסֶענְס ..........................יג

אִיךְ ווִיל דִי מַייז זָאלְן קוּמֶען אִין מַיין צִימֶער.....................................יג
עֶסְט נִישְׁט אוֹיף אַייעֶר מַאן'ס קִישְׁקֶעס.....................................יד
דַיינֶע טֶעכְטֶער מֶעגְן הֶעלְפְן אִיבֶּערְטוּן דִי קְלֵיינֶע בְּרִידֶער.....................................טו
דִי גֶעפִיל וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט, ווִי קֵיינֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט.....................................טו
דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.....................................טז
מָשִׁיחַ קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּלִיבּ דִי מַחֲלֹקֶת צְווִישְׁן אוּנְז.....................................יח
נִישְׁט גוּטֶע קִנְאָה אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן.....................................יט
גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פַּארְטִי'עֶן מִיט אַנְדֶערֶע.....................................כא
צְנִיעוּת בַּיי דִי אַרְבֵּייטֶער אִין גְרָאסֶעדִי.....................................כא
אַלֶע וָואס הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל וֶועלְן נִישְׁט דֶערְלֵייגְן.....................................כב


# לַ״ג בָּעֹמֶר


מֶען זִינְגְט בַּר יוֹחָאִי דֶעם שַׁבָּת פַאר לַ״ג בָּעֹמֶר.....................................א
אַז דַיין וַוייבּ וֵויינְט, זָאלְסְטוּ אִיר שְׁטַארְקְן אוּן אוֹיסְהֶערְן.....................................א
נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועזְדִיג אוּן עַצְבוּת'דִיג פוּן בִּלְבּוּלִים.....................................ב
מֶען וֶוערְט שׁוֹין גֶערֵיינִיגְט פוּן נָאר וֶועלְן לֶערְנֶען זוֹהַר.....................................ג
וֶוער עֶס לֶערְנְט זוֹהַר, זֶעט ווִי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ.....................................ד
נֶעם זִיךְ פָאר צוּ עֶסְן יֶעדֶע שַׁבָּת דְרֵיי סְעוּדוֹת אוּן מַאכְן דִי סְעוּדוֹת פְרֵיילִיךְ.....................................ה
דִי הַדְלָקָה זָאל בְּלַייבְּן בְּרֶענֶען אוּן פְלַאקֶערְן אַ גַאנְץ יָאר.....................................ו
מֶען קֶען אֵייבִּיג אַלֶעס פַארְדֶערְבְּן.....................................ז
דִי גֶעוָואלְדִיגֶע שִׂמְחָה לַ״ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן.....................................ח
אַ שְׁטִיקְל לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן אוּן דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן, אוֹיף לַ״ג בָּעֹמֶר.....................................ח
לַ״ג בָּעֹמֶר שְׁפִּילְן דִי קִינְדֶער מִיט אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן.....................................יד
דִי פַּייל אוּן בּוֹיגְן לֶערְנְט אוּנְז אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז תְּפִלָּה.....................................יד
זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תִּיקוּנִים.....................................טו
אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד קוּמְט אַרוֹיס דָאס שְׁלֶעכְטְס אוּן מֶען וֶוערְט רֵיין.....................................טז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## זָאל אִיךְ טֵיילְן דִי יְרוּשָׁה פַאר דִי קִינְדֶער בַּיי מַיין לֶעבְּן ?

**שְׁאֵלָה :**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל מִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט, אִיךְ דְרֵיי זִיךְ טַאקֶע נִישְׁט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אָבֶּער אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ לֶערְן אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, אוּן אִין אַ קוּרְצֶע צַייט הָאב אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ"ס, עֶטְלִיכֶע מָאל מִשְׁנַיוֹת, אוּן צְוֵויי מָאל תּוֹסֶפְתָּא, אוֹיךְ בִּין אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה, אִיךְ הָאב אַ שִׁיעוּר אִין נַ"ךְ, אוּן נָאךְ אַסַאךְ שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן.

אִיךְ הָאב שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אַלֶע קִינְדֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן אוֹיךְ מַיין אַרְבֶּעט וֶוערְט שׁוֹין הַיינְט גֶעטוּן בְּעִיקָר דוּרְךְ מַיינֶע אַרְבֵּייטֶערְס, אִיךְ גֵיי נָאר אַרַיין אַפָּאר שָׁעָה אַ וָואךְ אִין דִי אַרְבֶּעט, אוּן יֶעצְט קוּמְט מִיר זֵייעֶר צוּנִיץ דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, עֶס פִּילְט אָן מַיין צַייט, אוּן עֶס גֶעבְּט מִיר סִיפּוּק אָנְצוּגֵיין מִיטְן טָאג.

אִיךְ הָאב אַ זַאךְ וָואס אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר אוֹיסְקְלָארְן, אִיךְ הָאב אָנגֶעקְלֵייגְט אַבִּיסְל נְכָסִים פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן אִיךְ הָאב גֶעהַאט בְּדֵעָה זֵיי עֶס שׁוֹין יֶעצְט צוּ גֶעבְּן, ווַייל אַזוֹי קֶען אִיךְ זֶען יֶעדֶער זָאל זַיין צוּפְרִידְן אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְקְרִיגְן שְׁפֶּעטֶער חַס וְשָׁלוֹם. אָבֶּער אַ חַבֵר מַיינֶער הָאט מִיר צוּגֶעוִויזְן פוּן שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ (פֶּרֶק דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוֹת כ"ט) אִיבֶּער דֶעם, אוּן אִיךְ וֶועל מַעְתִּיק זַיין דֶעם הֵיילִיגְן לָשׁוֹן וָואס עֶר שְׁרַייבְּט דָארְט: "אֲבָל רָאִיתִי מִקְצָת אָבוֹת כְּשֶׁיֵּשׁ לָהֶם עוֹשֶׁר, בְּבוֹאָם לְיָמִים, נוֹתְנִים לִבְנֵיהֶם לְכָל אֶחָד סַךְ גָּדוֹל אַחַר שֶׁהֵם נְשׂוּאִים, וּמַחֲזִיקִים לְעַצְמָם כְּפִי שִׁיעוּרָא שֶׁמְשַׁעֲרִים שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם דַּי כָּל יְמֵי חַיֵּיהֶם. זֶהוּ שְׁטוּת גָּדוֹל, וְהוּא שְׁטוּת אֲשֶׁר יָכוֹל לָבֹא לִידֵי

עֲבֵירָה גְדוֹלָה, כִּי מִי יוֹדֵעַ מַה יוּלַד יוֹם, אוּלַי יִתְהַפֵּךְ הַגַּלְגַּל עַל הָאָב, וְאוֹי לְאָב שֶׁיָּבֹא עַל שֻׁלְחַן בָּנָיו, כִּי הוּא דָּבָר שֶׁנֶּגֶד הַטֶּבַע, וְהַבָּנִים מַחְזִיקִים אֶת אֲבִיהֶם, וְהוּא עֲלֵיהֶם כְּעֹל הַכָּבֵד, אַף שֶׁהוּא עֲשִׁירִים, כְּבַר נִשְׁכַּח מֵהֶם כָּל הַשּׂוֹבַע, וּמִכֹּחַ זֶה בָּאִים הַבָּנִים לִידֵי עָוֹן גָּדוֹל, עַל כֵּן כָּל חָכָם וְכָל הָרוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד לֹא יַעֲשֶׂה כָּזֶה רַק לְעִנְיָן לִיתֵּן נְדוּנְיָא לַעֲשׂוֹת שִׁידּוּךְ חָשׁוּב וְכָשֵׁר יַעֲשֶׂה, מִפְּנֵי שֶׁזֶּה הוּא תַּכְלִית גָּדוֹל, אֲבָל לְחַלֵּק וְלָתֵת מַתָּנוֹת גְּדוֹלוֹת אַחַר כַּךְ לֹא יַעֲשֶׂה כְּלַל כָּל יְמֵי חַיָּיו כִּי אֵין רָעָה בָּעוֹלָם כְּרָעָה הַזּוּ שֶׁאָב אוֹ אֵם יִסְמְכוּ אַל שֻׁלְחַן בְּנֵיהֶם רַע וּמַר כַּמָּוֶת"; בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט פוּן דֶעם, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ טוּן. אִיךְ הָאב שְׁטַארְק חֵשֶׁק זֵיי אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן, אוּן אוֹיךְ וִויל אִיךְ זֵיי זָאלְן לֶעבְן בְּשָׁלוֹם.

אוֹיךְ הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן, אוֹיב אִיךְ פַארְטֵייל מֶער פוּן אַ חוֹמֶשׁ פַאר צְדָקָה, אוֹיב דָאס הֵייסְט אַז אִיךְ הָאב צוּגֶענוּמֶען פוּן דִי קִינְדֶער וָואס קוּמְט זִיךְ זֵיי עַל פִּי יוֹשֶׁר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ״ט נִיסָן, י״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ ווִילְסְט אַיינְשְׁפָּארְן מַחֲלֹקֶת בַּיי דִי קִינְדֶער - דַארְפְסְטוּ נִישְׁט אַוֶועקְטֵיילְן דַיין פַארְמֶעגְן וֶוען דוּ לֶעבְּסְט, נָאר גְרֵייט אָן אַ צַוָואָה וָואס אִיז עַל פִּי תּוֹרָה. צֶעטֵייל דִי פַארְמֶעגְן פַאר דִי קִינְדֶער, אַז נָאכְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט זָאלְן זֵיי בַּאקוּמֶען יְרוּשָּׁה. עַל פִּי תּוֹרָה יַרְשְׁ׳נֶען נָאר דִי זִין, אוּן אַז מֶען וִויל גֶעבְּן פַאר דִי טֶעכְטֶער - דַארְף מֶען פַארְשְׁרַייבְּן אַז מֶען גֶעבְּט זֵיי אַ מַתָּנָה, נִישְׁט קַיין יְרוּשָּׁה, אַזוֹי אִיז נִישְׁטָא קַיין מַחֲלֹקֶת.

אַזוֹי אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, אוּן אַזוֹי פְלֶעגְט רֶבִּי נָתָן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז אַלֶע זָאלְן שְׁרַייבְּן צַוָואָה וֶוען מֶען אִיז נָאךְ גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, צוּ פַארְמַיידְן מַחֲלֹקֶת צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער.

אַז דוּ פַארְטֵיילְסְט צְדָקָה וֶועט דִיךְ דִי צְדָקָה רַאטֶעוֶועֶן פוּן גֵיין אִין גֵיהִנּוֹם, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (בָּבָא בַּתְרָא יא.) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הוּנְגֶער יָאר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס צוּ עֶסְן, אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער קֶענִיג

מוּנְבַּז הַמֶּלֶךְ און הָאט אוֹיסְגֶעטֵיילְט זַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן פַאר אָרֶעמֶעלַייט, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס טוּסְטוּ? פַארְוָואס גֶעבְּסְטוּ אַוֶועק דַיין גֶעלְט פַאר צְדָקָה? לָאז אִיבֶּער פַאר דִי קִינְדֶער, דַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַוֶועק גֶעלֵייגְט זֵייעֶר גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר דִי קִינְדֶער און דוּ טֵיילְסְט אוֹיס דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר צְדָקָה?!" הָאט מוּנְבַּז הַמֶּלֶךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֲבוֹתַי גָּנְזוּ לְמַטָּה", מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן דָאס בַּאהַאלְטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, "וַאֲנִי גָּנַזְתִּי לְמַעְלָה", און אִיךְ בַּאהַאלְט מַיין גֶעלְט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "אֲבוֹתַי גָּנְזוּ בְּמָקוֹם שֶׁהַיָּד שׁוֹלֶטֶת בּוֹ", מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן בַּאהַאלְטְן זֵייעֶר גֶעלְט אָבֶּער מֶענְטְשְׁן קֶענֶען דָאס גַנְבְ'נֶען, "וַאֲנִי גָּנַזְתִּי בְּמָקוֹם שֶׁאֵין הַיָּד שׁוֹלֶטֶת בּוֹ", אִיךְ הָאבּ אָבֶּער בַּאהַאלְטְן מַיין גֶעלְט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער קֶען דָאס נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען, "אֲבוֹתַי גָּנְזוּ דָּבָר שֶׁאֵין עוֹשֶׂה פֵּירוֹת", מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן בַּאהַאלְטְן זֵייעֶר גֶעלְט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ נִישְׁט, "וַאֲנִי גָּנַזְתִּי דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה פֵּירוֹת", אָבֶּער אִיךְ הָאבּ בַּאהַאלְטְן מַיין גֶעלְט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס הַאלְט אִין אֵיין וֶוערְן מֶער און מֶער, ווַייל מִיט דֶעם וָואס מֶען הֶעלְפְט אַ צְוֵוייטְן אִיד, מֶען טוּט חֶסֶד מִיט אַ צְוֵוייטְן אִיד, בַּאקוּמְט מֶען זְכוּתִים פַאר אַלֶע תּוֹרָה וּמִצְווֹת פוּן יֶענֶעם אִיד, "אֲבוֹתַי גָּנְזוּ מָמוֹן", מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַוֶועק גֶעלֵייגְט גֶעלְט, "וַאֲנִי גָּנַזְתִּי אוֹצְרוֹת נְפָשׁוֹת", און אִיךְ לֵייג אַוֶועק נְפָשׁוֹת, אִיךְ רַאטֶעוֶוע מֶענְטְשְׁנְ'ס לֶעבְּן, "אֲבוֹתַי גָּנְזוּ לַאֲחֵרִים", מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט אַוֶועק גֶעלֵייגְט פַאר זִיךְ נָאר פַאר אַנְדֶערֶע, "וַאֲנִי גָּנַזְתִּי לְעַצְמִי", אִיךְ לֵייג אָבֶּער אַוֶועק פַאר מִיר, פַאר יֶענֶע וֶועלְט, "אֲבוֹתַי גָּנְזוּ לָעוֹלָם הַזֶּה, וַאֲנִי גָּנַזְתִּי לָעוֹלָם הַבָּא, שֶׁנֶּאֱמַר (יְשַׁעְיָה נח, ח): 'וְהָלַךְ לְפָנֶיךָ צִדְקֶךָ, כְּבוֹד ה' יַאַסְפֶךָ'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַארְוָואס בַּאקוּם אִיךְ נִישְׁט קַיין עֶנְטְפֶער אוֹיף מַיינֶע בְּרִיווּ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ זִיץ יֶעצְט גָאר שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט מִיט אַן אוֹיפְגֶעמִישְׁטֶע גְמָרָא צוּ 'זָאגְן' אַ בְּלַאט גְמָרָא מִיט מַיינֶע לֶעצְטֶע כֹּחוֹת וָואס אִיךְ פַארְמָאג נָאךְ אַזַא אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעטֶע טָאג. וִויפִיל אִיךְ וֶועל נָאר פְּרוּבִירְן צוּ זָאגְן יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דֶעם לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וֶועט עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין גֶענוּג. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס קֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעדְרִיקְט וֶוערְן אוֹיף אַ שְׁטִיקְל פַּאפִּיר, אָבֶער דִי כְּלַל אִיז דָאךְ אַז פָּטוּר בִּכְלוּם אִי אֶפְשָׁר, מוּז אִיךְ דָאךְ זָאגְן "אַ גְרוֹיסֶע יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס!"

אִיךְ ווִיל פָארְלֵייגְן אַ ווֵייטָאג וָואס לִיגְט מִיר יֶעצְט אוֹיפְן הַאַרְץ, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי פִּיל גֶעשְׁרִיבְּן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן אִיךְ בַּאקוּם נִישְׁט צוּרִיק אֲפִילוּ עֶפֶּעס אַ שְׁטִיקֶעלֶע רֶמֶז אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דָאס גֶעזֶען. אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה [אַגַב מֶען אִיז זִיךְ מְחַיֶ' בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים דֶערְמִיט יֶעדְן אֵיינְצִיגְן שַׁבַּת קוֹדֶשׁ] ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט צוּ אֵיינֶעם אַז עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶ' מִיט יֶעדְן בְּרִיוו וָואס יֶענֶער שִׁיקְט, אוּן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווִיל אִים שׁוֹין זֶען בְּקָרוֹב, דֶערִיבֶּער ווִיל אִיךְ זָאגְן אַז אֲנִי הַקָּטָן שְׁרַייבּ אוֹיךְ שֵׁיינֶע בְּרִיוְון כְּסֵדֶר, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער אִין דִי לֶעצְטֶע הַאלְבֶּע יָאר. אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן מִיטְן פוּלְסְטְן דֶרֶךְ אֶרֶץ, פַארְוָואס?

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז דָאךְ מַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶענוּג יָארְן גֶעוֶוען אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר אוּן אִיךְ בִּין גֶעווָאוִיר גֶעוָוארְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן נָאכְדֶערְצוּ פָּאלְג אִיךְ אוֹיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אוּן שְׁרַייבְּט, אוּן דֶערִיבֶּער שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר אַז אִיךְ בַּאקוּם גָארְנִישְׁט צוּרִיק אֲפִילוּ אַ קְלֵיין הֶעָרָה'לֶע.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְשְׁטֵייט מַיין צַעַר. כָאטְשׁ ווִי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אִיז דֶער עִיקָּר דִי לְמַעֲשֶׂה, וָואס מֶען נֶעמְט אַרוֹיס פוּן דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, אָבֶער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז מִיר ווִיכְטִיג צוּ הָאבְּן אוֹיךְ אַ קֶשֶׁר מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגֶע צַדִּיק, אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ.

אָנָּא, נָא אַל תְּשִׁיבֵנוּ רֵיקָם מִלְּפָנֶיכֶם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער, אִיךְ דַארְף טַאקֶע עֶנְטְפֶערְן אַלֶעמֶען בְּלִי יוֹצֵא מִן הַכְּלָל, מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דַיינֶע בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע צַוָואָה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלָאזְט, בִּפְרַט מִיט אוֹת ט׳, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ אִין אַלֶע צַייטְן; אִיךְ בִּין דִיר מַעְתִּיק אַ שְׁטִיקְל פוּן דִי צַוָואָה, (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת ט):

"אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט. קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן זִיכֶער קֶען קֵיינֶער אַייךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַנְפְ׳עֶנֶען צוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

פַארְקֶערְט, דָאס וֶועט אַייךְ נָאר שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, יֶענֶער אִיז בִּכְלָל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט פוּן דֶעם. אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אָבֶּער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ".

*

אוֹי ווִי זִיס דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען, אוֹי ווִי אֱמֶת׳דִיג דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען; אַ מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט, אַ רַחְמָנוּת וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס קֶרִיצְט אַיין דִי וֶוערְטֶער אִין הַארְץ, וֶועט אִים גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

### בַּיי וֶועלְכֶע סְפָרִים זָאגְט מֶען דִי וֶוערְטֶער מִיטְן מוֹיל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז מוֹהֲרַ"ש שְׁרַייבְּט פַאר אֵיינֶעם אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת סְפָרִים וְכַדּוֹמֶה דַארְף מֶען נִישְׁט אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער מִיטְן מוֹיל ווייל עֶס קֶען שְׁטֶערְן צוּ פַארְשְׁטֵיין, נָאר דִי עִיקַר סְפָרִים פוּן דִי תּוֹרָה דַארְף מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער מִיטְן מוֹיל בַּיים לֶערְנֶען.

וָואס אִיז דִי הַגְדָּרָה, וָואס אִיז אַן עִיקָר סֵפֶר? אוּן וֶועלְכֶע סְפָרִים דַארְף מֶען נִישְׁט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ד' אִיָּר, י"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען דוּ לֶערְנְסְט מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, תִּיקוּנִים - זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין נד.) שְׁמוּאֵל הָאט גֶעזָאגְט פַאר רַב יְהוּדָא: "פְּתַח פּוּמֵיךְ", עֶפְן דַיין מוֹיל - "קְרֵי" וֶוען דוּ לֶערְנְסְט מִקְרָא, "פְּתַח פּוּמֵיךְ", עֶפְן דַיין מוֹיל, זָאג אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער - "תָּנֵי" וֶוען דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנַיוֹת, "כִּי הֵיכִי דְתִתְקַיֵּים בִּיךְ", אַזוֹי וֶועסְטוּ גֶעדֶענְקֶען דָאס לֶערְנֶען, "וְתוֹרִיךְ חַיֵּי", אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים, וַוייל דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי ד, כב): "כִּי חַיִּים הֵם לְמֹצְאֵיהֶם", אַז מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען זָאגְט אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער מִיטְן מוֹיל - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ חַיִּים, לֶעבְּן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוֹיפְן קוֹל. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים

דֶערְצֵיילְן, רֶבִּי מֵאִיר'ס וַוייבּ, בְּרוּרְיָה - הָאט גֶעזֶען אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים לֶערְנֶען שְׁטִיל, הָאט זִי אִים גֶעגֶעבְּן אַ קְלַאפּ אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט (עֵירוּבִין נג:): "לֹא כַּךְ כָּתוּב, 'עֲרוּכָה בְּכֹל, וּשְׁמוּרָה'", נָאר אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן קוֹל גֶעדֶענְקְט מֶען דָאס לֶערְנֶען.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דוּ לֶערְנְסְט הֲלָכָה, טוּר בֵּית יוֹסֵף, שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי נוֹשְׂאֵי כֵּלִים - אִיז גוּט אַרוֹיסְצוּזָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוֹיפְן קוֹל, אַזוֹי גֶעדֶענְקְט מֶען דָאס לֶערְנֶען.

ווארויל אִיז דֶעם וָואס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן אַ לַאנְגֶע לֶעבְּן בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דְרָאגְס פַאר אוּמְזִיסְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן דִי בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז נָאר וֶוען מֶען אִיז צוּגֶעבִּינְדְן אוּן עֶדִיקְטֶעד צוּ דְרָאגְס אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם, מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ דִי שְׁוַואכֶערֶע סָארְטְן, וָואס מֶען וֶוערְט נִישְׁט צוּגֶעקְלֶעבְּט דֶערְצוּ, אִיז אוֹיךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם, אָדֶער אִיז דָא אַ וֶועג זִיךְ צוּ מֶעגְן בַּאנוּצְן מִיט דֶעם אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג? הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶס בַּאשַׁאפְן אַז מֶען זָאל זִיךְ אִינְגַאנְצְן צוּרִיקְהַאלְטְן דֶערְפוּן, אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז דָא אַ וֶועג וָואס מֶען קֶען יָא הֲנָאָה הָאבְּן דֶערְפוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ד' אִיָּר, י"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַס וְחָלִילָה נֶעמֶען דְרָאגְס, זָאל זַיין סֵיי וָואס פַאר אַ דְרָאגְס, אֲפִילוּ נָאר

אַבִּיסְל; וַוייל דֶער וָואס נֶעמְט דְרָאגְס אִיז אַ מְאַבֵּד אֶת עַצְמוֹ לָדַעַת רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס דורְךְ נֶעמֶען דְרָאגְס.

דוּ פְּרֶעגְסְט פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס בַּאשַׁאפְן? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס בַּאשַׁאפְן צוּ קֶענֶען מַאכְן פוּן דֶעם מֶעדֶעצִין, דָאס פַארְשְׁטֵייעֶן דִי פַארְמַאסִיסְטְן, ווִי דָאס אָנְצוּגְרֵייטְן פַאר רְפוּאוֹת וְכוּ', אָבֶער נֶעמֶען דְרָאגְס אָן אַ דָאקְטֶער אִיז זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ, אוּן וֶוער עֶס נֶעמְט דָאס - אִיז אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת, דָאס בְּרֶענְט אוֹיס דִי מֹחַ, מֶען דְרֵייט זִיךְ אַרוּם ווִי אַ שִׁיכּוֹר, מֶען קֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן.

גֶעבּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט דִי זַאכְן, אוּן גֵיי נִישְׁט צוּ קַיין מְסִיבּוֹת וואוּ מֶען נֶעמְט דְרָאגְס, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא שֶׁעדְלִיכֶע זַאךְ פַארְן מֶענְטְשׁ ווִי דְרָאגְס, מֶען עֶנְדִיגְט דָאס לֶעבְּן אָדֶער אִין בֵּית מְשׁוּגָעִים אָדֶער אִין תְּפִיסָה, בִּיז מֶען נֶעמְט זִיךְ דָאס לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ אָפְּהִיטְן דֶערְפוּן אוּן הִיטְן אַלֶע אִידְן פוּן דֶעם.

...

### טוּן אַ שִׁידוּךְ מִיט אַ בַּעֲלַת תְּשׁוּבָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, שׁוֹין נָאנְט צוּ דִי דְרַייסִיג יָאר, אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ הָאף פַאר מַיין רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ זָאל קוּמֶען. מֶען טְרָאגְט מִיר אָן יֶעצְט אַ מֵיידְל וָואס הָאט אַמָאל אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אַ טַאטוּ (כְּתֹבֶת קַעֲקַע), אוּן זִי פְלֶעגְט אַמָאל נִישְׁט זַיין אַ שׁוֹמֵר שַׁבָּת, זִי פְלֶעגְט נִיצְן אִיר טֶעלֶעפָאן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אָבֶער הַיינְט הָאט זִי שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, זִי אִיז אַ שׁוֹמֵר שַׁבָּת אוּן אִיז גֶעהֶערִיג פְרוּם, אָבֶער פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי כְּתֹבֶת קַעֲקַע וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען; דַארְף אִיךְ מוֹרָא הָאבְּן צוּ טוּן דֶעם שִׁידוּךְ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ד׳ אִיָּר, י״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אוֹיף צוּ זַיין אַלֵיין אוּן אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - לוֹינְט נִישְׁט צוּ לֶעבְּן, ווייל דִי עֲבֵירָה אִיז אַזוֹי בִּיטֶער אוּן אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי גֶעפֶערְלִיךְ דִי עֲבֵירָה אִיז. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ וָואס שְׁנֶעלֶער חַתוּנָה הָאבְּן, ווייל זַיין אַלֵיין, אַ פְּלַג גוּף - אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹם הַכִּפּוּרִים הֲלָכָה א, אוֹת א): "מִי שֶׁאֵינוֹ נָשׂוּי, הוּא פָּגוּם בִּבְרִית", מֶען דַארְף וָואס פְּרִיעֶר אוּן וָואס שְׁנֶעלֶער חַתוּנָה הָאבְּן.

אַז מֶען רֶעדְט דִיר אַ שִׁידוּךְ זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיפְן הוֶֹה, נִישְׁט אוֹיפְן עָבַר, קוּק נִישְׁט אוֹיף אַלְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת; וֶוער אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט אִין יֶענֶעמְ׳ס עָבַר, וֶוער הָאט נִישְׁט אֵייגֶענֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת? מִיר אַלֶע דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן מִיר אַלֶע בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים כה, ז): "חַטֹּאות נְעוּרַי וּפְשָׁעַי אַל תִּזְכֹּר", זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף דִי זִינְד פוּן דִי יוּגְנְט.

עֶנְדִיג דִי שִׁידוּךְ, אוּן קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען מִיט אִירֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת, עֶס אִיז אַ לַאו אִין דִי תּוֹרָה. "לֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ" (וַיִּקְרָא כה, יז), זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בָּבָא מְצִיעָא נח.): "אִם הָיָה בַּעַל תְּשׁוּבָה, לֹא יֹאמַר לוֹ ׳זְכוֹר מַעֲשֶׂיךָ הָרִאשׁוֹנִים׳", מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה ׳גֶעדֶענְקְסְט אַמָאל וֶוען דוּ פְלֶעגְסְט טוּן עֲבֵירוֹת?׳ נָאר שְׁטֶענְדִיג זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיטְן פָארְאוֹיס, אַז עֶס וֶועט זַיין גָאר גוּט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע לִיבְּשַׁאפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַזוֹי אוּמְבַּאקְוֶועם בַּיי מַיין שְׁוֶוער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֵויס נִישְׁט פַארְוָואס, אָבֶּער יֶעדֶעס מָאל אִיךְ גֵיי צוּ מַיין שְׁוֶוער'ס הוֹיז, אֲפִילוּ נָאר פַאר אַפָּאר מִינוּט, ווִיל אִיךְ נָאר אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט בַּאקְוֶועם דָארְט; דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז מַיין וַוייבּ ווִיל יָא פַארְבְּרֶענְגֶען דָארְט מֶער. צוּמָאל שְׁפִּיר אִיךְ פָּשׁוּט אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט דָארְט זַיין אֲפִילוּ פַאר אֵיין מִינוּט, אִיךְ גֵיי מַמָּשׁ פְּלַאצְן.

וֶוען אִיךְ עֶס דָארְט דִי שַׁבָּת סְעוּדָה, זִינְג אִיךְ נִישְׁט מִיט דִי זְמִירוֹת, דָאס שְׁטֶערְט שְׁטַארְק פַאר מַיין שְׁוֶוער, עֶר ווִיל זֵייעֶר אִיךְ זָאל יָא מִיטְזִינְגֶען, אִיךְ קֶען אִים אָבֶּער נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס אִיךְ פִּיל, אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ צֶעקְוֶועטְשְׁט אוּן אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס.

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר צוּ גֶעבְּן אַן עֵצָה אַרוֹיס פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם ווִי שְׁנֶעלֶער, וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דֶעם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ה' אִיָּר, כ' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס מַאכְט זִיךְ אַזוֹי בַּיי אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי ווִילְן גֶעפֶעלְן דֶעם שְׁוֶוער, אוּן פוּן גְרוֹיס לַחַץ שְׁפִּירְן זֵיי נִישְׁט בַּאקְוֶועם. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים סו, יב): "הִרְכַּבְתָּ אֱנוֹשׁ לְרֹאשֵׁנוּ, בָּאנוּ בָאֵשׁ וּבַמַּיִם, 'כֵּיוָן שֶׁנִּצְטָרֵךְ אָדָם לַבְּרִיּוֹת נִדּוֹן בָּאֵשׁ וּבַמַּיִם'", אַז מֶען ווִיל גֶעפֶעלְן אַ צְוֵוייטְן, מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף נַאטִירְלִיךְ, יֶעדֶע תְּנוּעָה אִיז גֶעמַאכְט - דָאס בְּרֶענְגְט גְרוֹיס לַחַץ, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט אִין פֵייעֶר אוּן דֶערְטְרָאנְקֶען אִין וַואסֶער; דָאס אִיז גוֹרֵם דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט גֶעפִינֶען בַּאקְוֶועם בַּיי דַיין שְׁוֶוער.

נִישְׁט גֵיין אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה, מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר דִי וַוייבּ אַז מֶען גֵייט מֶער נִישְׁט צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן, דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אִיז זָאלְסְט אַרַיינְנֶעמֶען

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זִיךְ, מַאךְ נִישְׁט קַיין מְצִיאוּת פוּן קֵיינֶעם, נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם; מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין אַ שְׁוֶוער, זִיךְ פִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶּער יִרְאָה וּפַחַד דַארְף מֶען הָאבְּן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, וואו דוּ גֵייסְט אוּן וואו דוּ שְׁטֵייסְט - זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט שֶׁעפְּשֶׁען תְּפִלּוֹת וּבַקָּשׁוֹת, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט מוֹרָא הָאבְּן נָאר פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַארְוָואס אִיז אוּנְזֶער שׁוּל אַזוֹי צֶעפָארְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן פַארְן ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס גֵייט פָאר לֶעצְטְנְס אִין אוּנְזֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ רֶעד פוּן דִי לֶעצְטֶע הַאלְבֶּע יָאר בְּעֶרֶךְ. אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ דַארְף גְרוֹיס חִיזוּק.

דִי זְמַנִּים זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁוַואךְ, מֶען דַאוֶוענְט זֵייעֶר שְׁפֶּעט, דִי וָואךְ אִיז עֶס שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי וַוייט אַז אַנְשְׁטָאט 9:30 הָאט מֶען עֶרְשְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען אוּם 10:00 אַזֵייגֶער. אוֹיךְ דָאס רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען אִיז זֵייעֶר אַיינְגֶערִיסְן, אַזוֹי וַוייט אַז בִּיז מֶען קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ בָּרוּךְ שֶׁאָמַר, שְׁפִּירְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אַז מֶען דַאוֶוענְט דָא, מֶען הֶערְט נָאר קוֹלוֹת פוּן רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן, אוּן אֲפִילוּ נָאךְ בָּרוּךְ שֶׁאָמַר קֶען מֶען נָאךְ הֶערְן אִינְגֶעלַייט אוּן בְּחוּרִים וָואס שְׁמוּעֶסְן צְווִישְׁן זִיךְ. שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט פוּן דִי פָּלִיש וָואס מִיר הָאבְּן דָא, וָואס דָארְט שְׁטֵייט מֶען אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט הוֹיךְ לְכַתְּחִלָּה דֶעם גַאנְצְן דַאוֶוענֶען, אוֹיךְ אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אוּן מֶען הֶערְט עֶס גוּט אַרַיין אִין שׁוּל.

פוּן אֵיין זַייט אַז טַאקֶע דָא אַ גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט אִין שׁוּל, מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ אוּן עֶס אִיז בַּא'טַעמְ'ט, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁפִּיר אִיךְ אַז עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין בֵּית הַמֶדְרָשׁ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ה' אִיָּר, כ' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

הָאסְט מִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דַיין בְּרִיווּ, אַז עֶס אִיז דָא אַ גוּטֶע לוּפְט בַּיי עֶנְק אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, "וּמִי יִתֵּן וְהָיָה לְבָבָם זֶה לָהֶם לְיִרְאָה אוֹתִי כָּל הַיָּמִים", אִיךְ הָאף אוּן אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל אַז עֶס זָאל בְּלַייבְּן בַּיי עֶנְק דִי גוּטֶע לוּפְט אִין שׁוּל, מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אוּן אִין אַלֶע שׁוּלְן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זָאל זַיין אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט פוּן לִיבְשַׁאפְט, דָאס אִיז דָאךְ דֶער עִיקָר; וַוייל אוֹיבּ אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט אִיז דָא אַלֶעס, אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין לִיבְשַׁאפְט - אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

אִיךְ וִויל דִיר נָאכְאַמָאל דֶערְמַאנֶען וָואס דִי פְלִיכְט פוּן אַ גַבְּאַי אִיז, נִישְׁט צוּ זַיין אַ נֶערְוֶועזֶער אָנְצוּהוֹיבְּן פִּינְקְט אִין צַייט, נִישְׁט דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן דֶער גַבְּאַי; אוֹיף דֶעם קֶען מֶען טְרֶעפְן אֵיינֶער פוּן דִי מִתְפַּלְּלִים, אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיף צוּ מוּסָרְ'ן אוּן צוּ זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת, אוֹיף דֶעם קֶען מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אַז אַנְדֶערֶע וֶועלְן דָאס שׁוֹין טוּן; אַ גַבְּאַי דַארְף אֵיין זַאךְ טוּן, זוּכְן דִי מַעֲלוֹת בַּיי דִי מִתְפַּלְּלִים, זוּכְן דָאס גוּטְס, אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט אוּן אַ לִיבְשַׁאפְט צְוִוישְׁן דִי מִתְפַּלְּלִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן אוֹיךְ אַלֶע גַבָּאִים פוּן אוּנְזֶערֶע שׁוּלְן, שְׁטַארְקְט אַייךְ אוּן זוּכְט אוֹיף דָאס גוּטְס בַּיי דִי מִתְפַּלְּלִים, זוּכְט צוּ מַאכְן אַן אֲוִיר הַנַּךְ וְהַנָּח, עֶס זָאל זַיין שִׂמְחָה צְוִוישְׁן עֶנְק; דַאוֶועןֶען אִין צַייט - דָאס וֶועט נָאכְקוּמֶען, נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶועןֶען - דָאס וֶועט אוֹיךְ זַיין, אָבֶּער אוֹיף לִיבְשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַייךְ - דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, אוּן אַז דָאס וֶועט זַיין בַּיי אַייךְ - וֶועט אַלֶעס זַיין.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פוּן דִי פְּרָט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ טוֹיזְנְטֶער מָאל, וַוייל עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם פְּרָט בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען גוּטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אַ גֶעפִּיל און שֵׂכֶל צוּ הֶעלְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - פֶּסַח, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**אַ מַתָּנָה פַאר ...**

**וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעפִּיל און שֵׂכֶל צוּ הֶעלְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט וַוייטֶער הָאבְּן דִי זְכִיָ' צוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.**

**וואוּנְטְשְׁט דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.**

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן נֶעמֶען דִי מַהֲדוּרָה פוּן "אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל"**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - פֶּסַח, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִיר ר' ... נֵרוֹ יָאִיר, און פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'**

**פַארְן נֶעמֶען דִי מַהֲדוּרָה פוּנֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל.**

**בִּזְכוּת דֶעם זָאלְסְטוּ הָאבְּן לִיכְטִיגֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.**

**וואוּנְטְשְׁט דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.**

**זַיין אִין אָפִּיס פוּן נֵיין אַזֵייגֶער בִּיז אַ מִינוּט צוּ פִינְף**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, א' דר"ח אִיָּיר, ט"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

**הָאסְט גֶעזָאגְט אַז דוּ גֵייסְט פָאלְגְן, דוּ גֵייסְט אַהֵיימְגֵיין פִינְף אַזֵייגֶער, און**

נָאר אוֹיף דֶעם סְמַךְ הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט זָאלְסְט עֶפֶענֶען דִי בִּיזְנֶעס, יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דוּ בְּלַייבְּסְט בִּיז שְׁפֶּעט; פַאר דֶעם דַארְפְסְטוּ נִישְׁט קַיין אֵייגֶענֶע בִּיזְנֶעס, אוֹיף צוּ אִיבֶּערְלָאזְן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער קֶענְסְטוּ זַיין אַן אַרְבֶּעטֶער.

אִיךְ זָאג דִיר נָאכְאַמָאל, זַיי נִישְׁט נַארִישׁ, אוּן פַארְלָאז דַיין אָפִּיס פִינְף אַזֵייגֶער; נִישְׁט פִינְף אַזֵייגֶער נָאר אַ מִינוּט צוּ פִינְף, אוּן גֵיי אַהֵיים עֶס עֶפֶּעס, הֶעלְף אַבִּיסְל דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן גֵיי צוּ דַיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן צוּם דַאוֶונֶען, אוּן אַז עֶס אִיז דָא זֵייעֶר וִויכְטִיגֶע זַאכְן צוּ עֶרְלֶעדִיגְן זָאלְסְטוּ אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי פַארְטָאגְס, גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיין אִין מִקְוֶה, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין אִין אָפִּיס נַיין אַזֵייגֶער בִּיז אַ מִינוּט צוּ פִינְף, אוּן אַז עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער נָאךְ אַרְבֶּעט וֶועסְטוּ אוֹיךְ דִי אַנְדֶערֶע טָאג אַרַיינְגֵיין אִין אָפִּיס, אָבֶּער קַיין מִינוּט לֶענְגֶער ווִי דִי שָׁעוֹת זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַוֶועקְגֶעבְּן פַאר דִי בִּיזְנֶעס.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְנֶעמֶען אַן אַרְבֶּעטֶער וָואס וֶועט זִיצְן פוּן נַיין בִּיז פִינְף, אוּן דוּ וֶועסְט סַךְ הַכֹּל אַרַיינְגֵיין אִין אָפִּיס אַ שָׁעָה צְוֵויי, אוּן אִין דִי אִיבְּרִיגֶע שָׁעוֹת וֶועסְטוּ קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט אַ חַבְרוּתָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**לֶערְנְ מִיט דִי בָּחוּרִים, שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי, שְׁפַּאצִיר מִיט זֵיי**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, א׳ דר״ח אִיָּר, ט״ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶעד צוּ דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן דֶערְוַואקְסְן, נִישְׁט מַאכְן קַיין לֵיצָנוּת פוּן מֶענְטְשְׁן. אִיךְ הֶער אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי בָּחוּרִים וָואס פִירְן זִיךְ ווִי קִינְדֶער, זֵיי רוּפְן מֶענְטְשְׁן מַאכְן פְרֶענְקְס, זֵיי מֵיינֶען אַז אַזוֹי וֶוערְט מֶען דֶערְוַואקְסְן; דַארְפְסְט רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן גוּטֶע מִידוֹת. לֶערְן זֵיי אוֹיס וָואס הִלֵּל

הָאט גֶעלֶערְנְט מִיטְן גֵר (שַׁבָּת לא.): "דְּעָלָךְ סָנֵי, לַחֲבֵרָךְ לָא תַעֲבֵיד", וָואס דוּ ווילְסְט נִישְׁט מֶען זָאל דִיר טוּן - טוּ נִישְׁט מִיט אַ צְוֵוייטְן, לֶערְן מִיט זֵיי דִי לִימוּד פוּן יְמֵי הַסְּפִירָה, וָואס רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעלֶערְנְט: "'וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ', זֶה כְּלַל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה" (יְרוּשַׁלְמִי נְדָרִים ט, ד; שַׁבָּת לא.).

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אִיךְ הָאבּ דִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁטֶעלְט צוּ זַיין מְנַהֵל אוֹיף טִישְׁן אוּן בֶּענְק, אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט צוּ זַיין מְנַהֵל אוֹיף מֶענְטְשְׁן, יוּנְגֶע בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען לִיכְטִיג אוּן טֵייעֶר, מֶען דַארְף זֵיי לֶערְנֶען; וֶוער נִישְׁט צֶעפַּאלְן וֶוען דוּ זֶעסְט אַז עֶס אִיז דָא אַסַאךְ קִינְדֶערִישְׁקֵייט צְווִישְׁן זֵיי, לֶערְן מִיט זֵיי, הֶעלְף זֵיי, שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי, שְׁפַּאצִיר מִיט זֵיי, שְׁפִּיל זִיךְ מִיט זֵיי, כְּמַעֲשֶׂה הָאִינְדִיק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, בִּיז זֵיי וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ.

אָחִי הַיָּקָר חֲזַק וֶאֱמַץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס רֶעדְט מֶען צוּ אֵיינֶעם וָואס אִיז שׁוֹין וַוייט?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב' דר"ח אִיָּר, ט"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי פְרַאגֶע? אַוַדַאי זָאלְט אִיר רֶעדְן מִיט דִי מֵיידְל! אִיר קֶענְט רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ מִיט זַיינֶע דוֹרוֹת, אִיז וָואס אִיז בִּכְלַל דִי פְרַאגֶע?!

וֶוען אִיר רֶעדְט מִיט אִיר זָאלְט אִיר בְּעִיקָר רֶעדְן פוּן דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶענֶען אַלֶע הֶערְן; מַה שֶׁאֵין כֵּן אוֹיבּ מֶען רֶעדְט פוּן מִצְוֹת, אִיז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעךְ פַּארְ'שִׁיכּוֹר'ט קֶענֶען דִי וֶוערְטֶער נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין יֶענֶעם, דָאס קֶען יֶענֶעם גָאר דֶערְוַוייטֶערְן.

וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט אַ בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס זֶענֶען גֶעפַאלְן אִין חִלּוּל שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִצְלָן - דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן אֵיין זַאךְ, פוּן ווִי שְׁטַארְק דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ אִיד, און אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִים - בַּאקוּמְט מֶען אַלֶעס, און פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; פוּן דָאס רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי עֶר הָאט רַחְמָנוּת און עֶר פַארְגֶעבְּט ווֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה.

לְמַעַן הַשֵּׁם זָאלְט אִיר מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע קֶשֶׁר מִיט דִי מֵיידְל. אַז אִיר מַאמֶע הָאט אַייךְ גֶערוּפְן און אַייךְ גֶעבֶּעטְן צוּ רַאטֶעווֶען אִיר טָאכְטֶער - דַארְפְט אִיר אַלֶעס טוּן צוּ פְּרוּבִּירְן אִיר רַאטֶעווֶען, זִי זָאל קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעם אַ פַּרְנָסָה וָואס אִימֶער, אַבִּי נִישְׁט צוּ גֵיין לֵיידִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים, ב' דר"ח אִיָּר, ט"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אַז דוּ גֵייסְט לֵיידִיג, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט.) גֵיין לֵיידִיג ווַארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, און אוֹיךְ אִין עֲבֵירוֹת.

זֶע זִיךְ צוּ נֶעמֶען אַ פַּרְנָסָה וָואס אִימֶער, וָואס עֶס קוּמְט דִיר אוּנְטֶער, אַבִּי נִישְׁט צוּ גֵיין לֵיידִיג, דָאס ווֶעט דִיר הֶעלְפְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ב, ב): "יָפֶה תַלְמוּד תּוֹרָה עִם דֶּרֶךְ אֶרֶץ", עֶס אִיז גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ עֶר זָאל לֶערְנֶען און אַרְבֶּעטְן, "שֶׁיְּגִיעַת שְׁנֵיהֶם מְשַׁכַּחַת עָוֹן"; 'מְשַׁכַּחַת' אִיז דֶער זֶעלְבֶּער לָשׁוֹן פוּן: 'שִׁכְחָה', אַז מֶען אַרְבֶּעט און מֶען לֶערְנְט - פַארְגֶעסְט מֶען צוּ זִינְדִיגְן און מֶען הָאט נִיטְאָמָאל קַיין צַייט צוּ זִינְדִיגְן.

דַיין ווַייבּ אִיז דֶערְשְׁרָאקְן דִיךְ זֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְנַאכְטְס, זִי קוּמְט אַהֵיים נָאךְ אַ טָאג אַרְבֶּעט און דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע; עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר דִיר, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר דִי שָׁלוֹם בַּיִת, פַאר גָארְנִישְׁט.

איך האף דו וועסט מיר פאלגן, דו וועסט זיך נעמען א פרנסה. איך האב אסאך אזויק געגעבן פאר דיר און פאר דיין משפחה, איז א שאד אז אלעס זאל צעפאלן צוליב ליידיג גיין.

זאג יעדן טאג משניות, אכצן פרקים וואלט גאר גוט געווען; דאס וועט דיר העלפן אויסרייניגן דיין מח.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

### טראכטס פון איין גוטע זאך וואס איר האט

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת קדושים, ב' דר"ח אייר, ט"ז לעמר, שנת תשפ"ד

מרת ... תחי'

עס וועט אייך נישט העלפן דאס נישט זיין פריילך און דאס וויינען א גאנצן טאג, הויבט אן טון דעם רבינ'ס עצות, טראכטס פון איין גוטע זאך וואס איר האט און הויבט אן דאנקען דעם אייבערשטן אויף דעם, און נאכדעם זוכט אויף נאך איין גוטע זאך וואס איר האט און דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן אויף דעם.

עס איז נישט קיין עצה זיך צו ציען צו עצבות און מרה שחורה, ציט זיך צו שמחה; בעטס דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער העלף מיר, נעם מיך ארויס פון מיין עצבות און מרה שחורה, העלף מיר איך זאל זיין פריילך, איך זאל האבן א שטארקע אמונה, איך זאל דיך שפירן ווי דו ביסט מיט מיר.

הייליגער באשעפער געב מיר כח דיך צו קענען דינען, איך זאל פאלגן דעם הייליגן רבי'ן מיט א תמימות און נישט ניצן מיינע פארדרייטע חכמות, נאר זוכן אין מיר נאר דאס גוטס, און אויך אין מיין מאן זאל איך זען נאר גוטס, און אין יעדן איינעם זאל איך זען נאר גוטס".

יעצט אז איר זענט אזוי דעפרעסט מעגט איר הערן מוזיק אין די טעג פון ספירה, עס איז א סכנה צו זיין אזוי צעבראכן, איר מוזט זיין פריילך.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַיין מַאן זָאל הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶע סֵדֶר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב׳ דר״ח אִיָיר, ט״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אִיךְ וֵוייס אַייךְ נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין עֵצָה פַּאר אַייךְ; עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַייעֶר מַצָּב אַז אַייעֶר מַאן אִיז אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן וִויפִיל אִיר רֶעדְט צוּ אִים מִיט שֵׁיינֶעם - הֶעלְפְט דָאס נִישְׁט; אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס אַייעֶר צַעַר.

אֵיין עֵצָה אִיז גֶעבְּלִיבְּן, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, מִיט אַסַאךְ גֶעדוּלְד, בִּיז אִיר וֶועט זֶען אַ יְשׁוּעָה.

דָא הָאט אִיר אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַאנְק דִיךְ אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיךְ פַּאר מַיין לֶעבְּן, בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, דוּ גֶעבְּסְט מִיר נָאר גוּטְס, אִיךְ דַאנְק דִיךְ אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט, אוּן פַּאר מַיין טֵייעֶרֶער מַאן אוּן מַיינֶע גֶעזוּנְטֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אַלֶעס אִיז אַזוֹי גוּט.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אוּן הֶעלְף מַיין טֵייעֶרֶער מַאן, עֶר הָאט אַ פַּארְדְרֵייטֶע סֵדֶר, עֶר שְׁלָאפְט רוֹב טָאג, אוּן פַּארְנַאכְטְס גֵייט עֶר אַרוֹיס אוּן קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים בִּיז פַּארְטָאגְס. מַיין מַאן אִיז אַ גוּטֶער, אַן עֶרְלִיכֶער, עֶר אִיז נָאר אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט זֶען צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, אוּן מִיר אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אָנָּא ה׳ הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל מַיין מַאן זָאל זַיין מִיט מִיר, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי עֶס בַּארִירְט מִיר מַיינֶע נֶערְוְון, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן, נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין יֶעדֶע נַאכְט אַלֵיין, אִיךְ דַארְף אַ נֵס, אִיךְ דַארְף אַ נֵס".

אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן, דִי קוּרְצֶע תְּפִלָּה אִיז נָאר אוֹיף צוּ וַוייזְן דִי וֶועג ווִי זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן, אוּן לֵייגְט צוּ אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת, שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְט אִים פִּינְקְטְלִיךְ אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַייךְ.

אִיךְ בֶּעט אוֹיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייךְ אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ שְׁטַארְקְן אַייעֶר מַאן, אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מִיט אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, אִיז דָא נִיסִים גְּלוּיִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב׳ דר״ח אִיָּר, ט״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים; קוּק גוּט וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ דִיר, אֲפִילוּ מִיט אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער - אִיז דָא נִיסִים גְּלוּיִים.

טְרַאכְט אַרֵיין וָואס קוּמְט דִיר, לוֹיט דַיינֶע מַעֲשִׂים וְכוּ׳; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קסה): ״תְּקַבֵּל בְּאַהֲבָה כָּל הָרָעוֹת וְהַיִּסּוּרִין הַבָּאִים עָלֶיךָ״, מֶען דַארְף אָנְנֶעמֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן יִסוּרִים, ״כִּי רָאוּי שֶׁתֵּדַע, שֶׁלְּפִי מַעֲשֶׂיךָ אַחַר כָּל הַיִּסּוּרִים וְהָרָעוֹת שֶׁיֵּשׁ לְךָ, עֲדַיִן הוּא מִתְנַהֵג עִמְּךָ בְּרַחֲמִים, כִּי הָיָה מַגִּיעַ לְךָ יוֹתֵר וְיוֹתֵר, חַס וְשָׁלוֹם, לְפִי מַעֲשֶׂיךָ״, וַוייל לוֹיט דַיינֶע מַעֲשִׂים פִירְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּ דִיר מִיט גְרוֹיס רַחְמָנוּת, עֶס וָואלְט דִיר גֶעקוּמֶען אַסַאךְ מֶער שְׁלֶעכְטְס חַס וְשָׁלוֹם, דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דִי פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, יח): ״וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ״, זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דִי שְׁלֶעכְטְס, ״כָּמוֹךָ״; וַוייל אַזוֹי ווִי דוּ בִּיסְט - ״אֲנִי ה׳״, פִיר אִיךְ זִיךְ מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי שִׁיעוּר אִין לֶעיקְוָואד, בַּיי אוּנְז אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִיךְ ווִיל אוֹיפְלֶעבְּן דִי חֲבוּרָה דָארְט. מֶען וֶועט דָאס קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן אִין אַלֶע שׁוּלְן; אִיךְ ווִיל זֵייעֶר זָאלְסְט קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר זִיךְ מְחַדֵּשׁ זַיין, זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט אֱמוּנָה, תְּפִלָּה, סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## די עֶרְלִיכֶע זָאלְן זַיין די אַרוֹיפְגֶעקוּקְטֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, י"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן פוּן אֵיינֶע פוּן די עֶלְטֶערְן פוּן די בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה אַז עֶר הָאט גֶעזֶען אוֹיף זַיין בָּחוּר'ס טֶעלֶעפָאן צְוִוישְׁן די נִיגוּנִים עֶקֶלְדִיגֶע נִיגוּנִים פוּן נִיבוּל פֶּה, זִינְגֶערְס וָואס זִינְגֶען אוֹיף הֶעבְּרֶעאִישׁ נִיבוּל פֶּה. עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין בָּחוּר הַיִתָּכֵן, זָאגְט אִים דֶער בָּחוּר אַז אַלֶע פֶּעסְטֶע בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה הָאבְּן דָאס. עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין זַיין זוּן אַז דָאס אִיז נִיבוּל פֶּה, זַיין זוּן הָאט נִיטְאַמָאל גֶעוְוּיסְט. בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז די בָּחוּרִים זֶענֶען עֶרְלִיךְ, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין הֶעבְּרֶעאִישׁ.

וָואס בַּאדֶערְט מִיר יָא, עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז זַיין זוּן זָאגְט אִים: "אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין פוּן די נֶעבֶּעכְס אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ וִויל זַיין פוּן די פֶּעסְטֶע בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה"; דָאס בַּאדֶערְט מִיר, אוּן דוּ אַלְס מְנַהֵל וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מַאכְן די מַצָב רוּחַ אִין יְשִׁיבָה זָאל זַיין אַז עֶרְלִיךְ אִיז וואוֹיל, עֶרְלִיךְ אִיז חָשׁוּב, נִישְׁט יִרְאֵי חֵטְא יִמָאֲסוּ, די עֶרְלִיכֶע זֶענֶען די נֶעבֶּעכְדִיגֶע, נָאר פַארְקֶערְט די עֶרְלִיכֶע זֶענֶען צוּ וָואס מִיר שְׁטְרֶעבְן צוּצוּקוּמֶען, אוּן אוֹיךְ וֶוער עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי - אִיז אוֹיךְ גוּט.

אִיךְ נֶעם אַרַיין אִין יְשִׁיבָה, אִין בֵּית פֵיגָא אוּן אִין די קְהִילָה - וֶוער עֶס וִויל קוּמֶען, אָבֶּער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זֶעט אַז די אַרוֹיפְגֶעקוּקְטֶע זֶענֶען די עֶרְלִיכֶע. אַזוֹי אוֹיךְ אִין בֵּית פֵיגָא - זָאג אִיךְ אַלְץ פַאר די מְנַהֶלֶת - "מִיר קֶענֶען אַרַיינְנֶעמֶען קִינְדֶער וָואס דַארְפְן חִיזוּק, אָבֶּער די לוּפְט דַארְף זַיין אַז אֵיידֶל אִיז שֵׁיין, בַּאשֵׁיידְן אִיז חָשׁוּב וְכוּ'"; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט דֶעם.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל זִיךְ דִי וֶועלְט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, בָּארְגְן גֶעלְט אִיז נִישְׁט קַיין אַפְּצִיעֶ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ב׳ דר״ח אִיָּר, ט״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר נָאכְאַמָאל דֶערְמַאנֶען זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חוֹבוֹת. אִיךְ גֶעדֶענְק בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַפָּאר יָאר צוּרִיק אַז דוּ דֶערְטְרִינְקְסְט זִיךְ אִין חוֹבוֹת, בִּיסְט גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג אִיבֶער הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער, הָאבְן מִיר דֶעמָאלְט אָפְּגֶעמַאכְט אוֹיב דוּ ווִילְסְט זִיךְ הֶעלְפְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי חוֹבוֹת דַארְפְסְטוּ אוֹיפְהֶערְן בָּארְגְן, אוּן דוּ הָאסְט מִיר צוּגֶעזָאגְט דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט בָּארְגְן קַיין אֵיין פְּרוּטָה, אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן בִּיסְט אַרוֹיס כִּמְעַט פוּן אַלֶע חוֹבוֹת.

יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז דוּ בָּארְגְסְט וַוייטֶער, הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאט מִיר אֵיינֶער פָארְגֶעהַאלְטְן, עֶר זָאגְט מִיר עֶר הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט אַן אִינְטֶערְוְויוּ פוּן דִיר ווִי דוּ רֶעדְסְט וֶועגְן חוֹבוֹת, אַז דוּ הָאסְט מֶער נִישְׁט קַיין חוֹבוֹת. יֶענֶער זָאגְט מִיר עֶס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט ווִי דוּ מַאכְסְט אַ פָּנִים ווִי אַ שֵׁיינֶער אִיד וֶוען דוּ הָאסְט גֶעבָּארְגְט גֶעלְט פוּן אִים מִיט אַ זְמַן, דֶער זְמַן אִיז אַרִיבֶּער אוּן כְּאִילוּ לֹא הָיָה.

ווִיל אִיךְ דִיר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אוֹיף דַיין לֶעבְּן, הֶער אוֹיף בָּארְגְן גֶעלְט; נֶעם אַרַיין אִין דִיר ׳גֶעעֶנְדִיגְט מִיט בָּארְגְן, זָאל זִיךְ דִי וֶועלְט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, בָּארְגְן גֶעלְט אִיז נִישְׁט קַיין אַפְּצִיעֶ׳.

צְוֵוייטְנְס, רֶעד נִישְׁט קַיין דְרָשׁוֹת וָואס אִיז נִישְׁט וָואר, וַוייל דוּ פַארְשֶׁעמְסְט זִיךְ אוּן מִיךְ; עֶס קוּמְט אַרוֹיס נָאר שָׁאדְן.

...

## אַן עֵצָה אוֹיף אַלֶע עֵצוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ד׳ אִיָּר, י"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין. שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בַּיי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט מַעֲשֶׂה נִיסִים, דִי פֶערְטֶע מַעֲשֶׂה אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, וִוי דֶער בַּאהַאלְטֶענֶער אִיד הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם קֶענִיג זָאל אִים צוּזָאגְן אַז עֶר וֶועט קֶענֶען זַיין אַ אִיד, קֶענֶען לֵייגְן טַלִית וּתְפִילִין בְּפַרְהֶסְיָא, אַז דָאס דַארְף זַיין דִי בֶּענְקֶענִישׁ פוּן יֶעדְן אִיד, זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג אָנְטוּן טַלִית וּתְפִלִין, דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶעם.

מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען וִוי גְלִיקְלִיךְ מִיר זֶענֶען אַז מִיר הָאבְּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, וַוייל אַלֶע עֵצוֹת וָואס מֶען וֶועט נָאר הָאבְּן דַארְף מֶען דָאךְ אַן עֵצָה פַאר דִי עֵצָה; אַז מֶען הֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּן דָאס וִויכְטִיגְקֵייט פוּן גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען הוֹיבְּט אָן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אָבֶּער בַּיים רֶבִּי׳ן הָאסְטוּ גְלַייךְ דִי עֵצָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז דוּ הֶערְסְט אַ שִׁיעוּר, מֶען זָאגְט דִיר וָואס מֶען דַארְף טוּן אוּן דוּ בִּיסְט נָאךְ וַוייט פוּן דֶעם - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, בֶּעט: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן מִיט אַ סִידוּר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל לִיבּ הָאבְּן צוּ דַאוֶוענֶען, אִיךְ וִויל דִיךְ שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט נֶעבְּן מִיר, אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען דַאוֶוענֶען וִוי מֶען דַארְף".**

אַזוֹי אִיז מִיט יֶעדֶע זַאךְ, מִיט יֶעדֶע עֵצָה; אַז מֶען לֶערְנְט סִפְרֵי מוּסָר, מֶען זֶעט וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ וֶוען אוֹיפְפִירְן אוּן מֶען זֶעט זִיךְ אַזוֹי וַוייט, וֶוערְט מֶען פוּן דֶעם צֶעבְּרָאכְן, אָבֶּער אַז מֶען הָאט דִי הַקְדָּמָה פוּן רֶבִּי׳ן מַאכְט מֶען אוֹיף דֶעם אַלֵיין תְּפִלּוֹת, מֶען בֶּעט: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר..."**

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דִי יָארְצַייט פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי

יְשַׁעְיָ׳לֶע קֶערֶעסְטִירֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז מֶען קֶען אוֹיךְ דָא פּוֹעֵלְ׳ן יְשׁוּעוֹת בִּזְכוּת דֶעם צַדִּיק דוּרְךְ טוּן אַ גוּטֶע זַאךְ פַּאר דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק. וֶועט אֵיינֶער פְרֶעגְן, וִוי אִיז שַׁיָּיךְ אַ פָּשׁוּט׳עֶר מֶענְטְשׁ זָאל אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ צַדִּיק, דֶער צַדִּיק אִיז דָאךְ זֵייעֶר הוֹיךְ אִין גַן עֵדֶן? אָבֶער עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס דֶער צַדִּיק קֶען נִישְׁט טוּן, וָואס אַ פָּשׁוּט׳עֶר מֶענְטְשׁ קֶען טוּן; אַז מֶען טוּט אַ גוּטֶע זַאךְ בָּזֶה הָעוֹלָם לִזְכוּת דִי נְשָׁמָה פוּן אַ צַדִּיק - מַאכְט מֶען אַ גְרוֹיסֶע נַחַת פַארְן צַדִּיקְ׳ס נְשָׁמָה אוּן דֶער צַדִּיק צָאלְט צוּרִיק פַארְן מֶענְטְשׁ גוּטֶע זַאכְן; אַז מֶען לֶערְנְט אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת לִזְכוּת אַ נְשָׁמָה, אָדֶער מֶען גֶעבְּט צְדָקָה לִזְכוּת אַ נְשָׁמָה, אָדֶער מֶען טוֹבֵלְ׳ט זִיךְ אַ טְבִילָה לִזְכוּת דֶעם צַדִּיק, מֶען צִינְדְט אַ לִיכְט - דָאס מַאכְט אַ נַחַת פַאר דִי נְשָׁמָה אוּן מֶען בַּאקוּמְט יְשׁוּעוֹת.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט סִידוּר עֵת רָצוֹן, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי דִי פָּרָשָׁה פוּן דִי עֲקֵדָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בָּאטֶע, זוּמֶער אִיז נִישְׁטָא קַיין בָּאטֶע; דֶער זְמַן אִיז שְׁפֶּעט, מֶען עֶנְדִיגְט דִי סְעוּדָה שְׁפֶּעט - מַאךְ אִיךְ נִישְׁט קַיין בָּאטֶע.

בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קסה, דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״תְּקַבֵּל בְּאַהֲבָה כָּל הָרָעוֹת וְהַיִּסּוּרִין הַבָּאִים עָלֶיךָ״, מֶען דַארְף אָנְנֶעמֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן יְסוּרִים, ״כִּי רָאוּי שֶׁתֵּדַע, שֶׁלְּפִי מַעֲשֶׂיךָ אַחַר כָּל הַיִּסּוּרִים וְהָרָעוֹת שֶׁיֵּשׁ לְךָ, עֲדַיִן הוּא מִתְנַהֵג עִמְּךָ בְּרַחֲמִים, כִּי הָיָה מַגִּיעַ לְךָ יוֹתֵר וְיוֹתֵר, חַס וְשָׁלוֹם, לְפִי מַעֲשֶׂיךָ״, וַוייל לוֹיט דַיינֶע מַעֲשִׂים פִירְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּ דִיר מִיט גְרוֹיס רַחְמָנוּת, עֶס וָואלְט דִיר גֶעקוּמֶען אַסַאךְ מֶער שְׁלֶעכְטְס חַס וְשָׁלוֹם, דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דִי פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, יח): ״וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ״, זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דִי שְׁלֶעכְטְס, ״כָּמוֹךָ״; וַוייל אַזוֹי וִוי דוּ בִּיסְט - ״אֲנִי ה׳״, פִיר אִיךְ זִיךְ מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים.

מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט צוּ פְרֶעגְן קַיין קַשְׁיוֹת נָאר גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן, מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר וֵוייסְן נָאר אַז וָואס דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז אוֹיסְגֶערֶעכְנְט גוּט, אוּן דָאס אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט - דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן נב): "כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת דַּיְקָא, שֶׁיִּהְיוּ קֻשְׁיוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ יִתְבָּרַךְ", אַזוֹי דַארְף זַיין, אַזוֹי קוּמְט עֶס זָאל זַיין אוּן עֶס אִיז שֵׁיין עֶס זָאל זַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "אִם הָיָה הַנְהָגָתוֹ כְּפִי חִיּוּב דַּעְתֵּנוּ אִם כֵּן הָיָה, חַס וְשָׁלוֹם, דַּעְתּוֹ כְּדַעְתֵּנוּ", וַוייל אוֹיבּ וָואלְט מֶען וֶוען פַארְשְׁטַאנֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - וָואלְט דָאךְ חַס וְשָׁלוֹם גֶעוֶוען אוּנְזֶער שֵׂכֶל אַזוֹי וִוי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס פַארְשְׁטַאנְד, אָבֶּער - הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה".

עֶס אִיז אַ מְחַיֶ׳ צוּ זַיין אַ שַׁבָּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען וֶוערְט גוּט אָנְגֶעזַאפְּט מִיט גוּטֶע חִיזוּק פַאר נָאךְ אַ וָואךְ זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין, נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן פוּן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער.

בְּרוּדֶער נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, נֶעם אַ גְמָרָא זָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, דִי תּוֹרָה וֶועט דִיךְ הֵיילְן פִּיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אִיז נָאר פַאר אֵיין סִיבָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ה׳ אִיָּר, כ׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן פוּן וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער. אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אִיז נָאר פַאר אֵיין סִיבָּה, מֶען ווִיל זֶען פוּן הִימְל וָואס דוּ גֵייסְט טוּן אוּן צוּ וֶועם דוּ גֵייסְט זִיךְ וֶוענְדְן; צוּ זֶען וִוי דוּ וֶועסְט גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט גֵיין אִין אַ זַייט אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיר הֶעלְפְן.

גֵיי יֶעצְט אִין אַ זַייט אוּן זָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים: **טַאטֶע זִיסֶער אִיךְ וִויל זַיין גוּט, טַאטֶע זִיסֶער אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, טַאטֶע זִיסֶער הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר**"; דִי פָּאר וֶוערְטֶער שְׁפַּאלְט אַלֶע הִימְלֶען, אוּן עֶס וֶועט אוֹיפְשְׁפַּאלְטְן דַיין הַארְץ צוּ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ דַארְף לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל זֵיי מְחַזֵּק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לָאז נִישְׁט דַיין זוּן דְרֵייוְון אָן לֵייסֶענְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ה' אִיָּר, כ' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

וָואס אִיז מִיט דִיר, דוּ גֶעבְּסְט דַיין קַאר צוּ דְרֵייוְון אִין שְׁטֶעטְל פַאר דַיין בָּחוּר וָואס הָאט נִישְׁט קַיין לֵייסֶענְס? דָאס אִיז דָאךְ קֶעגְן דִי גֶעזֶעץ אוּן עֶס אִיז דָאךְ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, אוּן דוּ זָאגְסְט נָאךְ אַ לִיגְנְט אַז אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ מֶעגְסְט דָאס טוּן; דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אוּן אַ חִילּוּל הַשֵּׁם.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי לֶעבְּן פוּן דַיין קִינְד אוּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

...

## אִיךְ וִויל דִי מַייז זָאלְן קוּמֶען אִין מַיין צִימֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ו' אִיָּר, כ"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וַוארְף אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ דַיין טֶעלֶעפָאן מִיט דַיין טֶעבְּלֶעט, אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ קוּמְט נִישְׁט אַרַיין דִי זַאכְן; לָאז דַיינֶע קִינְדֶער אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן גֶעזוּנְט.

אַ אִינְגֶעְרְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר, עֶר הָאט גֶעזֶען מַייז אִין זַיין דִירָה, הָאט עֶר פַארְשְׁטָאפְּט דִי לֶעכֶער מִיט סְטִילְוָואל; פְרֶעגְט אִים זַיין קְלֵיינֶע טָאכְטֶער: "וָואס אִיז דִי סְטִילְוָואל וָואס דוּ לֵייגְסְט דָא אַרַיין אִין דִי לָאךְ?" זָאגְט עֶר: "דָאס אִיז צוּרִיק צוּ הַאלְטְן דִי מַייז זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען".

אַפָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער זֶעט עֶר וִוי זַיין טָאכְטֶער שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דִי אַלֶע שְׁטִיקְלֶעךְ סְטִילְוָואל, פְרֶעגְט עֶר אִיר: "פַארְוָואס טוּסְטוּ דָאס?" זָאגְט זִי: "אִיךְ וִויל דִי מַייז זָאלְן קוּמֶען, עֶס אִיז אַזוֹי זִיס מַייז, מַאמִי וַוייזְט מִיר אוֹיף אִיר טֶעלֶעפָאן וִוי דִי מַייז שְׁפִּילְן זִיךְ, אִיךְ וִויל דִי מַייז זָאלְן קוּמֶען אִין מַיין צִימֶער אִיךְ וִויל שְׁפִּילְן מִיט זֵיי".

דֶער אִינְגֶעְרְמַאן זָאגְט מִיר: "נִישְׁט גֶענוּג מַיין וַוייבּ הָאט אַ טֶעלֶעפָאן, וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז זִי זָאל נִישְׁט וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער...?"

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען בֵּיישְׁטֵיין דִי נִסְיוֹנוֹת פוּן עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא, בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ מִיט דַיינֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶסְט נִישְׁט אוֹיף אַייעֶר מַאן'ס קִישְׁקֶעס

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ו' אִיָּר, כ"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶסְט נִישְׁט אוֹיף אַייעֶר מַאן'ס קִישְׁקֶעס, לֵייגְט אִים נִישְׁט צוּגְרוּנְד; עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט חֵן, פוּל מִיט חַיוּת בִּיז דִי חֲתוּנָה, יֶעצְט קוּקְט עֶר אוֹיס וִוי אַ מֵת מִצְוָה; אִיר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף אִים דֶערְקוּטְשֶׁען דִי יָארְן, אִיר רֶעדְט צוּ אִים מִיט גַּאֲוָה, אִיר טְשֶׁעפֶּעט אִים אוּן אִיר דֶערְנִידֶערְט אִים.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ מַאן, מֶען קֶען לַיידְן בִּיטֶערֶע יְסוּרִים פוּן דֶעם.

...

### דַיינֶע טֶעכְטֶער מֶעגְן הֶעלְפְן אִיבֶּערְטוּן דִי קְלֵיינֶע בְּרִידֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ו' אִיָּר, כ"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דַיינֶע טֶעכְטֶער מֶעגְן הֶעלְפְן אִיבֶּער טוּן דִי קְלֵיינֶע בְּרִידֶער וְכוּ', אוֹיךְ קֶענֶען זֵיי בָּאדְן דִי קְלֵיינֶע בְּרִידֶער; לֶערְן אוֹיס דַיינֶע טֶעכְטֶער צוּ הֶעלְפְן דִי מַאמֶע, הֶעלְפְן מִיט אַלֶעס אִין שְׁטוּב.

פַּארְקֶערְט נִישְׁט, דִי אִינְגְלֶעךְ גֶעבּ נִישְׁט צוּ טוּישְׁן דִי שְׁוֶועסְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי גֶעפִיל וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט, וִוי קֵיינֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָּר, כ"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי אַלֶע חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן הִימְל מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת. דִי גֶעפִיל וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט, וִוי קֵיינֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט, אוּן וִוי דוּ וֶועסְט שׁוֹין סַיי נִישְׁט וֶוערְן אַ צַדִּיק - דָאס הָאבְּן אַלֶע צַדִּיקִים גֶעשְׁפִּירְט בִּתְחִלַּת הִתְקָרְבוּתָם, דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט דֶעם גֶעפִיל. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מח): "שָׁמַעְנוּ מִצַּדִּיק אֲמִתִּי שֶׁאָמַר", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ אֱמֶת'ן צַדִּיק וָואס הָאט גֶעזָאגְט, (מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"ש אַז דָאס אִיז דֶער רֶבִּי אַלֵיין), "שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה", אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעהַאט אֵיינֶעם - נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז - וָואס זָאל אִים זָאגְן, "בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ", וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אָחִי", בְּרוּדֶער, "חֲזַק", שְׁטַארְק זִיךְ, "וֶאֱחֹז עַצְמְךָ", אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ - "הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּן אַסַאךְ מֶער אִין עֲבוֹדַת

הַשֵּׁם, "כִּי גַּם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ"ל", ווייל אויף אִים אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, "וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם", עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ וִוי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין שׁוּם חִיזּוּק וֶוערְטֶער.

בְּרוּדֶער טַייעֶרֶער שְׁטַארְק זִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר, אוּן אַז דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי מֶען שְׁטוּפְּט דִיךְ אַוֶועק פוּן אַלֶע הֵיכָלוֹת, מֶען לָאזְט דִיר נִישְׁט אַרַיין בְּהֵיכַל הַצַּדִּיקִים - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; זִיךְ גוּט גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן: "פִּתְחוּ לִי שַׁעֲרֵי צֶדֶק, עֶפְן מִיר דִי טִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל זַיין נָאנְט צוּ דִיר, אִיךְ וִויל זַיין מִיט דִיר"; לָאז נִישְׁט נָאךְ דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, בַּיי דֶעם דַארְף מֶען עַקְשָׁנוּת, נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען טְרַייבְּט אַוֶועק וְכוּ' וְכוּ'.

מָארְגְן וֶועט זַיין דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין דִי נַייעֶ בָּארָא פַּארְקֶער שׁוּל, מֶען הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט אַרִיבֶּערְצִיעֶן צוּ אַ נַייעֶ פְּלַאץ, וֶועט דָארְט זַיין דֶער שִׁיעוּר מִיט קְבִיעוּת מְזוּזָה.

דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶועל אִיךְ זַיין אִין יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָּר, כ"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אִיךְ טְרַאכְט אֶפְשָׁר הָאסְטוּ זִיךְ בַּאלֵיידִיגְט פוּן מִיר אַז אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן זָאלְסְט זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן דַיינֶע חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת וְכוּ', פוּן חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאךְ נָאר דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וִוי עֶר הָאט אוּנְז

גֶעלֶערְנְט צוּ אָפְּלָאזְן דִי חָכְמוֹת פוּן זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן וְכוּ', נִישְׁט לֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהִנָּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", וַוייל דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס אִיז דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישׁ, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר 'וָחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם' כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמוֹת אוּן סְפֵיקוֹת זֶענֶען אַלְץ מְסוּפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה אָדֶער נִישְׁט - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיּוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְווֹת שֶׁעוֹשִׂין, וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחוֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעפְּרֶעסְט, זֵיי לֶעבְּן אַלְץ אִין סְפֵיקוֹת, אוּן דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, בַּאנֵיי זִיךְ, פְּרִישׁ זִיךְ אוֹיף מִיט דִי רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת. לֶערְן אַסַאךְ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אַז מֶען לֶערְנְט קַבָּלָה - אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, וַוייל אָן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר אָפְּנַארְן. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דָאס אִיז וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): "הַשָּׁרוּי בְּלֹא אִשָּׁה", דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, "אִשָּׁה יִרְאַת ה' הוּא תִתְהַלָּל" (מִשְׁלֵי לא, ל), אִיז "שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא חוֹמָה", אָן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, וַוייל נָאר מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דְבֵיקוּת בְּהַשֵּׁם.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּ דִיר, אִיךְ הָאף נָאר אַז דוּ ווִילְסְט אָנְנֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מָשִׁיחַ קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּלִיבּ דִי מַחֲלֹקֶת צְווִישְׁן אוּנְז**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָּר, כ"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע בְּרִיוו.

קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ אִיבֶּער בֶּעטְן פַארְן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן גְלַייךְ, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְנוּמֶען אַז אִיךְ קוּם נִיטְאַמָאל אָן צוּ לֵיינֶען דִי בְּרִיוו; רוֹב בְּרִיוו וָואס קוּמֶען אָן צוּ מִיר קוּם אִיךְ נִיטְאַמָאל אָן צוּ לֵיינֶען, אוּן אַז אִיךְ לֵיין יָא - דַארְף מֶען נָאךְ הָאבְּן צַייט צוּ קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן, דֶערִיבֶּער פַארְשְׁלֶעפְּט זִיךְ עֶס.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיינֶע בְּרִיוו מִיט גְרוֹיסֶע צַעַר אוּן וֵוייטָאג, מִיר רַייסְט בַּיים הַארְץ דִי מַחֲלֹקֶת וָואס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן בַּיי עֶנְקֶער חֲסִידוּת; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי בְּאַחְדוּת - בִּיז דֶער שָׂטָן הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אַזַא פַיינְטְשַׁאפְט. וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דִי מַחֲלֹקֶת צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, צְווִישְׁן חֲסִידִים אוּן צְווִישְׁן קְרֵייזְן - דָאס אִיז מְעַכֵּב דִי גְאוּלָה, מָשִׁיחַ קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּלִיבּ דִי מַחֲלֹקֶת צְווִישְׁן אוּנְז; וָואלְט מֶען זִיךְ נִישְׁט פַיינְט גֶעהַאט - וָואלְט מָשִׁיחַ שׁוֹין לַאנְג גֶעקוּמֶען.

עֶס זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, אוּן בַּאשׁוּלְדִיג נִישְׁט קֵיינֶעם, אוּן זִיכֶער נִישְׁט דַיין וַוייבּ, אוּן אַז מֶען רוֹדְפְ'ט דִיר זָאלְסְטוּ נִישְׁט וַוארְפְן דִי שׁוּלְד אוֹיף קֵיינֶעם, גֶעבּ אַכְטוּנְג דַיין שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן, וַוארְף נִישְׁט דִי שׁוּלְד אוֹיף דַיין וַוייבּ, זַיי זִיךְ מְסַדֵּר אִין אַ שׁוּל וואוּ מֶען לָאזְט דִיךְ יָא דַאוֶוענֶען, אוּן גֵיי נָאר אִין פְלֶעצֶער וואוּ מֶען רוֹדְפְ'ט דִיר נִישְׁט.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶועסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן פוּן אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ. אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז דָא אֱמֶת, עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס הֶעכֶערְס פוּן דִי אַלֶע סָארְט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים. דֶער רֶבִּי וֶועט דִיךְ פִירְן חוּץ לִישׁוּב, עֶר וֶועט דִיר גֶעבְּן אַנְדֶערֶע מוֹחִין, טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, מִיט עָלְמָא דְּאָתֵי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט גוּטֶע קִנְאָה אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת אֱמוֹר, ד׳ אִיָּיר, כ״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דִיר מְחַזֵּק זַיין בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ צֶעקְלַאפְּט, וֶוען דוּ זֶעסְט דַיינֶע חֲבֵרִים וִוי זֵיי זֶענֶען מַצְלִיחַ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם וֶועסְטוּ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וָואס וֵוייסְטוּ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי? וָואס וֵוייסְטוּ וָואס פַּאר אַ נִסְיוֹנוֹת זֵיי הָאבְּן? עֶס דַאכְט זִיךְ דִיר וִוי זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יֵצֶר הָרָע אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין נִסְיוֹנוֹת, אוּן וִוי מֶער דוּ קוּקְסְט אוֹיף זֵיי וֶועסְטוּ מֶער אוּן מֶער גָארְנִישְׁט בַּיי זִיךְ; פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע? דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אוּנְז גֶעלֶערְנְט דִי סוֹד פוּן הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, פוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט וָואס מֶען הָאט אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעמְ׳ס הַצְלָחָה אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶער חָכָם אוּן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט), דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, עֶר פְלֶעגְט אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַאבְּרִיצִירְן שִׁיךְ. וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט מַאכְן דֶעם שִׁיךְ הָאט עֶס גֶעהַאט יֶענְךְ פָּנִים, עֶס הָאט גֶעהַאט דְרֵיי עֶקְן, אָבֶּער עֶר פְלֶעגְט אָנְכַאפְּן דֶעם שִׁיךְ אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין דֶערְמִיט, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "וָואס פַאר אַ שֵׁיינְקֵייט, וָואס פַאר אַ וואוּילְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז, וָואס פַאר אַ זִיסְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז, וָואס פַאר אַ הָאנִיג׳דִיג וָואס פַאר אַ צוּקֶערְדִיג שִׁיכֶעלֶע דָאס אִיז"; אָבֶּער זַיין וַוייבּ הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "אַז עֶס אִיז יָא אַזוֹי, פַארְוָואס אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס נֶעמֶען דְרֵיי גִילְדְן פַאר אַ פָּאר שִׁיךְ אוּן דוּ נֶעמְסְט נָאר אַ הַאלְבְּן טָאלֶער?" הָאט אִיר דֶער תָּם גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר? דָאס אִיז יֶענֶעמְ׳ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וַוייטֶער פַארְוָואס דַארְפְן מִיר שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן? לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל אִיךְ פַארְדִין פוּן דֶעם שִׁיךְ", עֶר פְלֶעגְט צַאמֶערְעכֶענֶען וִויפִיל עֶר הָאט אוֹיסְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי סְחוֹרָה אוּן וִויפִיל עֶס אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען רֶיוַח, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר הָאט מַרְוִיחַ

גֶעוֶועֶן צֶען גְרָאשְׁן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ: "וָואס זָאל מִיר בַּאדֶערְן אַז אִיךְ הָאבּ פַארְדִינְט עֶפֶּעס רֵיוַח מִיַּד לְיַד?"

אַז עֶס כַאפְּט דִיר אָן אַ נִישְׁט גוּטֶע קִנְאָה, דוּ הוֹיבְּסְט אָן טְרַאכְטְן פוּן דַיינֶע חֲבֵרִים ווִי זֵיי זֶענֶען מַצְלִיחַ - זָאלְסְטוּ זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן אוּן זִינְגֶען: "דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, וָואס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר יֶענֶעמְ'ס עֲבוֹדַת הַשֵּׁם?" אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיטְן תַּם, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, אוּן אַז מֶען קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן הָאט מֶען נִישְׁט קַיין לֶעבְּן; אֵיינֶער וָואס אִיז מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן עֶסְט זִיךְ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, בִּיסְט זֵייעֶר טֵייעֶר אוּן זֵייעֶר גוּט, אִין הִימְל בִּיסְטוּ אַ חִידוּשׁ שֶׁבְּחִידוּשִׁים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לד) יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ נְקוּדָה וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט; אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כא:) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ דָאקְטֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן אַבָּא אוּמְנָא, עֶר פְּלֶעגְט בַּאקוּמֶען יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבָּא אוּמְנָא"; אַבַּיֵי פְּלֶעגְט בַּאקוּמֶען נָאר אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ גְרוּס פוּן הִימְל, יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת פְּלֶעגְט עֶר הֶערְן אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבַּיֵי"; רָבָא פְּלֶעגְט בַּאקוּמֶען דֶעם בַּת קוֹל נָאר אֵיין מָאל אַ יָאר, יֶעדְן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר פְּלֶעגְט עֶר הֶערְן: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ רָבָא"; זָאגְט דִי גְמָרָא אַז אַבַּיֵי הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פַארְוָואס עֶר בַּאקוּמְט נָאר אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אַ בַּת קוֹל, אוּן אַבָּא אוּמְנָא בַּאקוּמְט יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל, הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט פוּן הִימְל: "לָא מָצֵית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָּא דְאַבָּא אֻמָּנָא", דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן וָואס אַבָּא אוּמְנָא טוּט; אַזוֹי וִוי דֶער תַּם פְּלֶעגְט זָאגְן: "דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה".

אַשְׁרֵינוּ אוּן פָּארְט אַשְׁרֵינוּ!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פַּארְטִי׳עֶן מִיט אַנְדֶערֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז׳ אִיָּיר, כ״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיר הָאט אַ מַאן - קָאכְט אִים נַאכְטְמָאל, גְרֵייטְס אִים אָן שֵׁיין דָאס עֶסְן, גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פַּארְטִי׳עֶן מִיט אַנְדֶערֶע, עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידְל צוּ עֶסְן מִשְׁפָּחוֹת אִינְאֵיינֶעם מֶענֶער מִיט פְרוֹיעֶן, אֲפִילּוּ מִיט מִשְׁפָּחָה; בּוֹיט אַייעֶר שְׁטוּבּ שֵׁיין אוּן אֵיידְל.

עֶנְק זֶענֶען אֵיידֶעלֶע מֶענְטְשְׁן, סֵיי אִיר סֵיי אַייעֶר מַאן זֶענֶען אַזוֹי אֵיידְל אוּן טֵייעֶר, זָאלְן עֶנְק בְּלַייבְּן אֵיידְל אוּן טֵייעֶר אוּן נִישְׁט וָואס יֶעדֶע שְׁוָואגֶער אָדֶער שְׁוֶועגֶערִין מַאכְן אָפּ צוּ טוּן - דַארְפְן אַלֶע נָאכְטַאנְצְן; בּוֹיט עֶנְקֶער שְׁטוּבּ אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן.

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים אוּן פְלֶעכְטְס אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּהִלִּים אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע לוֹיבּ וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע בַּקָשׁוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### צְנִיעוּת בַּיי דִי אַרְבֵּייטֶער אִין גְרָאסֶערִי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז׳ אִיָּיר, כ״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ דַאנְק דִיר בְּשֵׁם אַלֶע עֶלְטֶערְן וָואס שִׁיקְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער בַּיי דִיר אִין גְרָאסֶערִי אַיינְקוֹיפְן, אַז דוּ פַארְלַאנְגְסְט פוּן דַיינֶע אַרְבֶּעטֶער - דִי גוֹיוֹת - זָאלְן זִיךְ אָנְטוּן בִּצְנִיעוּת.

הַיינְט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען מִבַּיִת וּמִחוּץ, מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין גֶעשֶׁעפְטְן אַיינְקוֹיפְן וֶוען דִי אַרְבֶּעטֶער דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מִיט דִי עֶקֶלְדִיגֶע פְּרִיצוּת.

הָאב נִישְׁט מוֹרָא צוּ פַארְלַאנְגֶען אַ וֶועג פַאר אַלֶע אַרְבֶּעטֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ אָנְצוּטוּן, אַ בַּעַל הַבַּיִת מֶעג פַארְלַאנְגֶען 'בַּיי מִיר דַארְפְן דִי אַרְבֶּעטֶער טְרָאגְן דִי סָארְט קְלֵייד'. אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ, וֶוער עֶס נֶעמְט אַ גוֹי'טֶע קֶען הָאבְּן אַ קְלֵייד סְפֶּעצִיעֶל פַאר זֵיי אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן פְּרִיצוּת.

גֵיי נִישְׁט שְׁלָאפְן אָן לֶערְנֶען כָאטְשִׁיג אֵיין בְּלַאט גְמָרָא, דָאס אִיז זִיכֶערֶע פַּארְמֶעגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַלֶע וָואס הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל וֶועלְן נִישְׁט דֶערְלֵייגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָּר, כ"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ.

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַארְן מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב מִיטְן דְרֵייעְן דִי שָׁאטֶעל פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט. דָאס הֶעלְפְט דִי שְׁטֶעטְל זֵייעֶר שְׁטַארְק; אַז דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן נִישְׁט זַיין אַיינְגֶעשְׁפַּארְט דוּרְכְן טָאג וֶוען דֶער מַאן אַרְבֶּעט, זֵיי זָאלְן קֶענֶען גֵיין אַיינְקוֹיפְן אִין גְרָאסֶערִי, גֵיין צוּ חַבֶרְטֶ'עס וְכַדוֹמֶה, בְּמֵילָא הֶעלְפְט דָאס אִין אַלֶעס; אִין גֶעזוּנְט וְכוּ', אִין שָׁלוֹם וְכוּ' וְכוּ'.

בִּזְכוּת וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב זָאלְסְטוּ טְרֶעפְן דַיין זִיווּג אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ מִיט אִידִישֶׁע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אַלֶע וָואס הֶעלְפְן מִיר בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל וֶועלְן נִישְׁט דֶערְלֵייגְן, סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# לַ״ג בָּעֹמֶר

**מֶען זִינְגְט בַּר יוֹחָאִי דֶעם שַׁבָּת פַּאר לַ״ג בָּעֹמֶר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת אֱמוֹר, י״ב אִיָּר, כ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב

**... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבַּאי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין פְּרַאגֶע.

ווארויל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְשַׁמֵּשׁ בַּיים רֶבִּי׳ן. עֶס אִיז נִישְׁט גְּרִינְג צוּ זַיין אַ שַׁמָּשׁ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף סֵדֶר, אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאל נִישְׁט זַיין קַיין הֶפְקֵרוּת, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, קֵיינֶעם נִישְׁט וֵויי טוּן; מֶען דַארְף קֶענֶען גֵיין לְרוּחוֹ שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, דֶערִיבֶּער דַארְף אַ גַּבַּאי שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

צַדִּיקִים זָאגְן, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן גַּבַּאי אִיז אָ׳נָּא בְּ׳כֹחַ גְ׳דוּלַּת יְ׳מִינְךָ, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דִי וָואךְ שַׁבָּת, אַ שַׁבָּת פַּאר לַ״ג בָּעֹמֶר, פִירְן מִיר זִיךְ צוּ טַאנְצְן ״בַּר יוֹחָאִי״, אוֹיךְ דֶעם שִׁיר ״אָמַר רֶבִּי עֲקִיבָא״ - פַּאר מֶען זָאגְט כְּגַוְנָא, דָאס הֵייסְט נָאךְ קַדִּישׁ יָתוֹם.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

**אַז דַיין וַוייבּ וֵויינְט, זָאלְסְטוּ אִיר שְׁטַארְקְן אוּן אוֹיסְהֶערְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י״ז אִיָּר, ל״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וִויפִיל אִיךְ זָאל דִיר זָאגְן - זָאג אִיךְ דִיר נִישְׁט גֶענוּג. וִויסְן זָאלְסְטוּ, הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ טַייעֶרֶע וַוייבּ, אַן אֵשֶׁת חַיִל; זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיר אוּן אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

אַז זִי אִיז נִשְׁט פְרֵיילִיךְ, זִי הוֹיבְּט אָן וֵויינֶען - זָאלְסְטוּ נִשְׁט זָאגְן: "שׁוֹין וַוייטֶער וֵויינְסְטוּ...?!" "יֶעצְט גֵייסְטוּ וֵויינֶען אַ גַאנְצֶע נַאכְט...?" הָאבּ שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטֵיי אַז וֶוען דִי וַוייבּ וֵויינְט - ווִיל זִי אַפָּאר גוּטֶע וֶוערְטֶער, זִי ווִיל דוּ זָאלְסְט אִיר שְׁטַארְקְן, אִיר אוֹיסְהֶערְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו פוּן מִירוֹן עֶרֶב לַ"ג בָּעֹמֶר, אִינְמִיטְן דִי הֲכָנוֹת פַאר לַ"ג בָּעֹמֶר. אִיךְ ווִיל עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי דִיר, נָאר אַז עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת - קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, קֶען מֶען זַיין רֵיין. עֶס אִיז כְּדַאי אַלֶעס צוּ מְוַתֵּר זַיין - אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ.

לְכָבוֹד לַ"ג בָּעֹמֶר זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין קֵיינְמָאל נִשְׁט טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ אוּן אִיר חַס וְשָׁלוֹם מַאכְן וֵויינֶען.

אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל פַאר דִיר.

...

**נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועזְדִיג אוּן עַצְבוּת'דִיג פוּן בִּלְבּוּלִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י"ח אִיָּר, לַ"ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן דִי נֶערְוֶוען וָואס קוּמְט בַּיי דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, ווִי לְמָשָׁל לַ"ג בָּעֹמֶר, פּוּרִים וְכַדוֹמֶה, פוּן "אוֹיסְנוּצְן דִי טָאג". פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְנֶעעְנְטֶערְן צוּ אִים, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט טָאר דָאס נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועזְדִיג אוּן עַצְבוּת'דִיג פוּן בִּלְבּוּלִים, פוּן זִיךְ שְׁלָאגְן אִין קָאפּ מִיט מַחֲשָׁבוֹת 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוֹיסְגֶענוּצְט דֶעם טָאג?' 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַרַיינְגֶעכַאפְּט?' 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג גֶעדַאוֶונְט?' וְכַדוֹמֶה לָזֶה.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס אִין מִירוֹן וַוייל אִיךְ זֶע ווִי מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נֶערְוֶועז אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעטוּן גֶענוּג. מֶענְטְשְׁן הֶערְן אַ וָוארְט, ווִי לְמָשָׁל 'וֵויינֶען אִין דִי מַעֲרָה, טַאנְצְן אִין חָצֵר', 'אִינֶעוֵוייְנִיג אִיז יוֹם כִּיפּוּר, אִינְדְרוֹיסְן אִיז

שִׂמְחַת תּוֹרָה'; אַנְשְׁטָאט זִיךְ פְרֵייעֶן און זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן – וֶוערְט מֶען נֶערְוֶועז אוֹיבּ מֶען הָאט שׁוֹין גֶענוּג גֶעוֵויינְט און גֶענוּג גֶע'שִׂמְחַת תּוֹרָה'ט.

דִי שִׂמְחָה דָא אִיז נִישְׁט צוּ בַּאגְרֵייפְן, און אַז מֶען הָאט דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן – אִיז גָאר גוּט, מֶען קֶען זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שֶׁעפְּשֶׁען תְּפִילוֹת מִיט דִי לִיפְּן וִוי מֶען אִיז, וואוּ מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ.

...

מֶען וֶוערְט שׁוֹין גֶערֵיינִיגְט פוּן נָאר וֶועלְן לֶערְנֶען זוֹהַר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' בְּהַר, י"ז אִיָּיר, ל"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען קַיין מִירוֹן; אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין דָא בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי לַ"ג בָּעֹמֶר, דָא הֶערְשְׁט עֶפֶּעס אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה; דִי שִׂמְחָה אִיז פוּן וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אִין סֵפֶר הַזוֹהַר וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און וָואס פַּאר אַ שִׂמְחָה עֶס וֶוערְט אִין הִימְל וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוען אַ אִיד טוּט מִצְוֹת.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן; אִין מִירוֹן קֶען מֶען דֶען שְׁלָאפְן?! אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר תִּיקוּנִים, מֶען וֶוערְט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, מֶען זֶעט וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידְן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין תִּיקוּנִים; לֶערְן אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסֶעלֶע. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְן: "זוֹהַר הָאט אַזַא כֹּחַ, עֶס שְׁלֶעפְּט אִין מִקְוֶה"; מֶען ווִיל דָאךְ לֶערְנֶען זוֹהַר – גֵייט מֶען אִין מִקְוֶה, מֶען לֶערְנְט נִישְׁט זוֹהַר אָן מִקְוֶה, קוּמְט אוֹיס אַז מֶען וֶוערְט שׁוֹין גֶערֵיינִיגְט פוּן נָאר וֶועלְן לֶערְנֶען זוֹהַר.

אוּנְזֶער זַאךְ אִיז נִישְׁט קַיין מִלְחָמוֹת, אוּנְזֶער זַאךְ אִיז נִישְׁט הַפְגָּנוֹת; מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט דִי עֵרֶב רַב וָואס ווִילְן אוֹיסְרַייסְן דִי תּוֹרָה. אַזוֹי

וִוי מִיר שְׁלָאגְן זִיךְ נִישְׁט מִיט גוֹיִם - שְׁלָאגְן מִיר זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי וְדַ"ל.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אֲשֶׁר בַּנַּחַל שָׁם גּוֹרָלֵנוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶוער עֶס לֶערְנְט זוֹהַר, זֶעט וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י"ז אִיָּיר, ל"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, מִירוֹן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת; וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ - קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת. אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין מִירוֹן, נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט מֶען אָנְצִינְדְן דִי הַדְלָקָה לִכְבוֹד הַתַּנָּא אֱלוֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי; דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ גֵיין צוּ אַן הַדְלָקָה זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן גְרוֹיסְן טָאג.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַזּוֹהַר. וֶוער עֶס לֶערְנְט זוֹהַר, עֶר זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין - הוֹיבְּט אָן זֶען דָאס לִיבְּשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּ אוּנְז אוּן וִוי חָשׁוּב יֶעדֶע מִצְוָה אִיז אִין הִימְל, אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר, דָאס וַואשְׁט אָפּ דִי נְשָׁמָה. אוֹיךְ פַאר דַיין זוּן זָאלְסְטוּ קוֹיפְן אַ סֵפֶר תִּיקוּנִים אוּן אִים מַרְגִּיל זַיין אִין זָאגְן תִּיקוּנִים.

אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶעלֶערְנְט תִּיקוּן ע׳ אַפָּאר שָׁעָה מִיט אַפָּאר חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אוֹיבְן אִין דִי מַעֲרָה בַּיי רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן רַבִּי שִׁמְעוֹן. אוֹיךְ מַיין זוּן דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר נַחְמָן נָתָן - הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ שִׁיעוּר אִין תִּיקוּנִים.

...

## נֶעם זִיךְ פָּאר צוּ עֶסְן יֶעדֶע שַׁבָּת דְרֵיי סְעוּדוֹת אוּן מַאכְן דִי סְעוּדוֹת פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י"ח אִיָּר, לַ"ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, אִיךְ בִּין אִין מִירוֹן; דָא אִיז דִי שִׂמְחָה בִּיזְן הִימְל, מֶען שְׁפִּירְט דָא זַאכְן וָואס מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט סְתָּם אַזוֹי.

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּנֶעם טָאג לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, נֶעם זִיךְ פָּאר צוּ עֶסְן דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת. אֲפִילוּ עֶס קוּמְט דִיר אָן שְׁוֶוער - זָאלְסְטוּ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין זִיךְ וַואשְׁן צוּ דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת. וַוייל רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט גֶעזָאגְט מַמָּשׁ אֵיידֶער עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן (אִדְּרָא זוּטָא, רפח:): "אָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן, אַסְהַדְנָא עָלַי לְכָל אִלֵּין דְהָכָא", אִיךְ זָאג עֵדוּת פַאר דִי אַלֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען דָא מִיט מִיר אִינֶעם אִדְּרָא, "דְּהָא מִן יוֹמָאי לָא בָּטִילְנָא אִלֵּין ג' סְעוּדָתֵי", אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְבַטֵל גֶעוֶוען דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, "דְּמַאן דְּזָכֵי בְּהוּ", וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, "זָכֵי לִמְהֵימְנוּתָא שְׁלֵימָתָא", אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה; מִיר זֶעעֶן אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט זִיךְ בַּארוּמְט אִין דֶעם טָאג וָואס עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן מִיט דֶער זַאךְ, וַוייל עֶסְן סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס.

נֶעם זִיךְ פָּאר (וָואס מֵיינְט 'נֶעם זִיךְ פָּאר'? בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן) דוּ זָאלְסְט עֶסְן יֶעדֶע שַׁבָּת דְרֵיי סְעוּדוֹת אוּן מַאכְן דִי סְעוּדוֹת פְרֵיילִיךְ, מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער - וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ פָּאר אַהֵיים מָארְגְן; אִיךְ הָאף דוּ בֶּענְקְסְט זִיךְ וַוייל וִוי לַאנְג מֶען בֶּענְקְט זִיךְ - אִיז גָאר גוּט.

...

**דִי הַדְלָקָה זָאל בְּלַייבְּן בְּרֶענֶען אוּן פְלַאקֶערְן אַ גַאנְץ יָאר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י״ח אִיָּר, לַ״ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע ...**

דִי הַדְלָקָה בְּרֶענְט אוּן פְלַאקֶערְט, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי שִׂמְחָה דָא אִין מִירוֹן. מֶען דַארְף אָבֶּער זֶען אַז דִי פֵייעֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלֶעשְׁן, עֶס זָאל בְּלַייבְּן בְּרֶענֶען אוּן פְלַאקֶערְן אַ גַאנְץ יָאר, מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי לֶערְנְט אוּנְז; בְּעִיקָר דִי וַוייבֶּער דַארְפְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, טוּן וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס פִירְן זִיךְ אֵיידְל, וָואס שֶׁערְן זִיךְ דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה; אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, מֶען פַארְטְרַייבְּט דִי נִישְׁט גוּטֶע, מֶען הָאט פַּרְנָסָה.

מֶען דַארְף הַיינְט אַסַאךְ בֶּעטְן פַאר דֶעם, אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַ שֵׁיינֶע, רֵיינֶע, עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ. מֶען מוּז גִיסְן תְּפִילּוֹת; דִי פְרוֹי בַּיי דִי לִיכְט וֶוען זִי צִינְדְט דִי שַׁבָּת לֶעכְט, אוּן דֶער מַאן בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן.

מֶען דַארְף בֶּעטְן אוֹיף דֶעם יֶעדְן טָאג, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְמַאנֶען וֶוען מֶען הָאט עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער, מֶען דַארְף בֶּעטְן אֲפִילּוּ מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, טֶעכְטֶער אוּן שְׁנִירְן וָואס וֶועלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אוּן צוּדֶעקְן דִי קָאפּ אַזוֹי וִוי דִי צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט". אַזוֹי וֶועט דִי הַדְלָקָה בְּרֶענֶען אַ גַאנְץ יָאר, דִי שִׂמְחָה וֶועט וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער.

...

## מֶען קֶען אֵייבִּיג אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י״ח אִיָּר, לַ״ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ גֶעפִין זִיךְ אִין מִירוֹן, דִי שִׂמְחָה דָא אִיז עַד אֵין לְשַׁעֵר. הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מִיט כַּמָּה חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - תִּיקוּנִים, פוּן דִי צְוֵוייטֶע הַקְדָמָה בִּיז תִּיקוּן טו. מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תִּיקוּן יד ווי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אִיז מְגַלֶּה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה. עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט אַלֵיינְס זֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אִיז מְגַלֶּה (דַף ל:): "וְעִם כָּל דָא, אִם חָזַר בִּתְיוּבְתָּא", מִיט דֶעם אַלֶעם, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, "עֲלֵיהּ אִתְּמַר", אִיז אוֹיף אִים גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה ו, י): "וָשָׁב וְרָפָא לוֹ", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל אוּן גֶעבְּט אִים צוּרִיק אַלֶעס, "וְיָהִיב לֵיהּ בַּת זוּגֵיהּ", עֶר בַּאקוּמְט זַיין שִׁידוּךְ, עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ שָׁלוֹם בַּיִת.

אַפָאר שׁוּרוֹת פְרִיעֶר רֶעדְט מֶען אוֹיבּ מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף נַשְׁגַ״ז - דַאן פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, אוּן אֲפִילוּ אוֹיף דֶעם קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן. בֶּאֱמֶת אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִידוּשׁ, נָאכְדֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עא): "עַל הַכֹּל מוֹעִיל תְּשׁוּבָה", אוֹיף אַלֶעם הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה, אוּן אַז קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן צַדִיקִים וָואס הָאבְּן רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז, אוּן וַוייזְן אוּנְז דָאס רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְלוֹירְן גֵיין, מִיר זָאלְן קֶענֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

...

**דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה לַ"ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י"ח אִיָּר, לַ"ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוער עֶס הָאט נָאר אֵיין מָאל טוֹעֵם גֶעוֶועןְ דָאס זַיין לַ"ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן - דֶער קֶען נִישְׁט מְוַתֵּר זַיין אוֹיף דֶעם, דֶער קוּמְט שׁוֹין צוּרִיק אַלֶע יָארְן. מֶען שְׁפִּירְט אַזַא שִׂמְחָה; מִי שֶׁלֹּא רָאָה שִׂמְחָה זוֹ, לֹא רָאָה שִׂמְחָה מִיָּמָיו, עֶס אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, דֶער גַאנְצֶער בַּארְג בְּרֶענְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע קְדוּשָּׁה; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען זִיךְ פְרֵייעֶן בַּיי דִי הִלּוּלָא קַדִּישָׁא.

אוֹיךְ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט אִין מִירוֹן קֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין מִיט דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא אֱלוֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר הַזּוֹהַר.

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר מִיט נֶעמֶען מִיט זִיךְ - לֶעבְן מִיט דִי סוֹדוֹת וָואס רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אִיז מְגַלֶּה; דָאס לִיבְשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיב יֶעדְן אִיד אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן טֵייעֶרְקֵייט פוּן דִי מִצְוֹת וָואס מִיר טוּעֶן.

אִיךְ הָאבּ הַיינְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן פַאר מַיין עֶלְצְטֶע אֵיינִיקְל חַאלַאקֶע, הַיֶּלֶד נַחְמָן נָתָן בֶּן הָרַב שְׁלֹמֹה. דָא אִין מִירוֹן אִיז דֶער מִנְהָג, דִי וָואס מַאכְן חַאלַאקֶע אוּם לַ"ג בָּעֹמֶר - גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן אִין בִּגְדֵי שַׁבָּת, סַיי דֶער טַאטֶע אוּן סַיי דִי זֵיידֶעס.

גֵיי אִין מִקְוֶה אֵיידֶער דוּ לֶערְנְסְט זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ. זָאג דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין, דָאס זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אַלֵיינְס אִיז מְקַדֵּשׁ וּמְטַהֵר דֶעם מֶענְטְשׁ.

...

**אַ שְׁטִיקְל לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן דִי תְּפִלָּה פוּן רַבִּי נָתָן, אוֹיף לַ"ג בָּעֹמֶר**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י"ז אִיָּר, ל"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, אַ טָאג וָואס מֶען קֶען

פּוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת. אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִין מִירוֹן - קֶענֶען אוֹיךְ פּוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת, מֶען קֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פוּן דָארְט וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט לֶערְנֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן שְׁטִיקְל אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "לְכוּ חֲזוּ", אוּן זָאגְן דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן; זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אַלֶעס גוּטְס.

תּוֹרָה לְכוּ חֲזוּ:

**לְכוּ חֲזוּ מִפְּעֲלוֹת ה', הִתְגַּלּוּת נִפְלָא מִסּוֹד גְּדֻלַּת הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי זַ"ל,** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: **רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי הִבְטִיחַ** רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט צוּגֶעזָאגְט, **שֶׁלֹּא תִּשְׁתַּכַּח תּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל עַל יָדוֹ** אַז דוּרְךְ אִים וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **כַּמּוּבָא בְּדִבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שַׁבָּת קלח:): **'כְּשֶׁנִּכְנְסוּ רַבּוֹתֵינוּ לַכֶּרֶם בְּיַבְנֶה'** וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זֶענֶען גֶעוֶוען אִין יַבְנֶה, **'אָמְרוּ'** הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: **'עֲתִידָה תּוֹרָה שֶׁתִּשְׁתַּכַּח מִיִּשְׂרָאֵל'** עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דִי תּוֹרָה וֶועט חַס וְשָׁלוֹם פַארְגֶעסְן וֶוערְן בַּיי דִי אִידְן; דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶען דִי בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס וֶועט זַיין אִין גָלוּת פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, עֶס וֶועט זַיין אַזוֹי בִּיטֶער, בִּיז דִי תּוֹרָה וֶועט פַארְגֶעסְן וֶוערְן פוּן אוּנְז; דָארְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, **'וְאָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי'** הָאט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי גֶעזָאגְט פַאר דִי חֲכָמִים: **'שֶׁלֹּא תִּשְׁתַּכַּח'** דִי תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, **'שֶׁנֶּאֱמַר'** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים לא, כא): **'כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ'**; דֶער פָּסוּק שְׁטֵייט בַּיי דִי נְבוּאָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס הָאט נְבִיאוּת גֶעזָאגְט וָואס עֶס וֶועט זַיין בַּיים סוֹף פוּן דִי גָלוּת, דֶער פָּסוּק זָאגְט דָארְט: **'וְהָיָה כִּי תִמְצֶאןָ אֹתוֹ רָעוֹת רַבּוֹת וְצָרוֹת'** - עֶס וֶועט זַיין וֶוען עֶס וֶועט אָנְטְרֶעפְן דִי אִידְן אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת, **'וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ'** - זָאג אִיךְ צוּ אַז עֶס וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן פוּן אִידְן דִי תּוֹרָה, וַוייל דֶעמָאלְט וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען דִי הִימְלֶען, אוּן דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מְגַלֶּה זַיין סוֹדוֹת הַתּוֹרָה דוּרְךְ דִי אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע צַדִּיקִים פוּן דֶעם דוֹר, וָואס וֶועלְן עֶרְקְלֶערְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי קִינְדֶער פוּן יוֹחַאי, (דָאס הֵייסְט דֶער סֵפֶר הַזּוֹהַר פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן) אוּן וֶוער עֶס וֶועט זַיי לֶערְנֶען - וֶועט זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַיין גָלוּת, עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (זוהר נָשֹׂא דף קכד:): 'בְּהַאי חִבּוּרָא דְּאִיהוּ סֵפֶר הַזֹּהַר יִפְקוּן בֵּהּ מִן גָּלוּתָא' מִיטְן סֵפֶר הַזּוֹהַר וֶועלְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת.

**וְעַתָּה** יֶעצְט, **בּוֹא וּרְאֵה** קוּם אוּן זֶע, **וְהָבֵן** אוּן פַארְשְׁטֵיי, **נִפְלְאוֹת נִסְתָּרוֹת** דִי ווּאוּנְדֶער פוּן דִי סוֹדוֹת - **שֶׁל תּוֹרָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה** וָואס לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה, **'כִּי עַל כֵּן סָמַךְ רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי עַצְמוֹ עַל זֶה הַפָּסוּק כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ'** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ רַאֲיָ' אַז דִי תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, פוּנֶעם פָּסוּק 'כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ', **כִּי בֶּאֱמֶת בְּזֶה הַפָּסוּק בְּעַצְמוֹ מְרֻמָּז וְנִסְתָּר סוֹד הַזֶּה, שֶׁעַל יְדֵי זַרְעוֹ שֶׁל יוֹחַאי, שֶׁהוּא רַשְׁבִּ"י, עַל יָדוֹ לֹא תִשְׁתַּכַּח הַתּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל** ווייל אִין דֶעם פָּסוּק לִיגְט בַּאהַאלְטְן דֶער סוֹד אַז דוּרְךְ דִי קִינְדֶער פוּן יוֹחַאי - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, דוּרְךְ אִים וֶועט נִישְׁט זַיין שִׁכְחַת הַתּוֹרָה, **'כִּי סוֹפֵי תֵּבוֹת שֶׁל זֶה הַפָּסוּק כִּי' לֹא' תִשָּׁכַח' מִפִּי' זַרְעוֹ' הֵם אוֹתִיּוֹת יוֹחַאי** ווייל דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק 'כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ', אִיז דִי אוֹתִיּוֹת י וֹ חַ א י, **וְזֶה שֶׁמְּרַמֵּז וּמְגַלֶּה הַפָּסוּק** דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק, **'כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ', 'מִפִּי זַרְעוֹ' דַּיְקָא** דִי תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן פוּן דִי קִינְדֶער פוּן יוֹחַאי, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, **הַיְנוּ 'מִפִּי זַרְעוֹ' שֶׁל זֶה בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא מְרֻמָּז וְנִסְתָּר בְּזֶה הַפָּסוּק, שֶׁהוּא הַתַּנָּא יוֹחַאי, כִּי עַל יְדֵי זַרְעוֹ שֶׁל יוֹחַאי שֶׁמְּרֻמָּז בְּזֶה הַפָּסוּק בְּסוֹפֵי תֵּבוֹת כַּנַּ"ל, שֶׁהוּא רַשְׁבִּ"י, עַל יָדוֹ לֹא תִשָּׁכַח הַתּוֹרָה, כִּי 'בְּזֹהַר דָּא יִפְקוּן מִן גָּלוּתָא' כַּנַּ"ל** דוּרְךְ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי וָואס הָאט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ 'כִּי בְּזֹהַר דָּא יִפְקוּן מִן גָּלוּתָא', אַז מִיטְן זוֹהַר וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת - דוּרְךְ אִים וֶועט דִי תּוֹרָה נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן וָואגְן מִיטְן רֶבִּי'ן פָּארְנְדִיג פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין אוּמַאן בִּשְׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶער זַאךְ, זָאגְט רֶבִּי

נָתָן פַארְן רֶבִּי'ן: "רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט זִיכֶער הַנָאָה פוּן דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע וֶוערְטֶער", זָאגְט דֶער רֶבִּי: "יָא, זִיכֶער", אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער:

וְדַע שֶׁסּוֹד רַבִּי שִׁמְעוֹן בְּעַצְמוֹ הוּא מְרֻמָּז בְּפָסוּק אַחֵר דֶער סוֹד פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אַלֵיינְס אִיז מְרוּמָז אִין אַ צְוֵוייטֶע פָּסוּק, כִּי דַע, כִּי הַתַּנָּא הַקָּדוֹשׁ רַבִּי שִׁמְעוֹן הוּא בְּחִינַת (דָּנִיֵּאל ד, י): 'עִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא נָחִית', רָאשֵׁי תֵּבוֹת שִׁמְעוֹן וְיִסְן זָאלְסְטוּ, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אִיז דִי גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע לִיכְט וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן הִימְל, דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שִׁמְעוֹ"ן.

אִין דִי כְּתַב יַד אִיז צוּגֶעלֵייגְט דִי פָּאר וֶוערְטֶער:

וְעַכְשָׁו יֵשׁ נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, שֶׁאֲפִלּוּ הָעִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא, גַּם כֵּן צָרִיךְ לְקַבֵּל מִשָּׁם אָבֶּער הַיינְט אִיז דָא אַ נַ'חַל נ'וֹבֵעַ מְ'קוֹר חָ'כְמָה, וָואס אֲפִילוּ דֶער עִ'יר וְ'קַדִּישׁ מִ'ן שְׁ'מַיָּא - דַארְף אוֹיךְ מְקַבֵּל זַיין פוּן דָארְט.

אַבִּיסְל פַאר אוּנְז קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דֶער גָלוּת; דָאס פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז דֶער גָלוּת. וֶוען מֶען לֶערְנְט זוֹהַר זֶעט מֶען וָואס טוּט זִיךְ אוֹיבְן אִין הִימְל; וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוען מֶען טוּט מִצְוֹת. מִיטְן לֶערְנֶען זוֹהַר גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן גָלוּת, עֶס וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אִינֶעם גְרֶעסְטְן טוּנְקְלְקֵייט - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אָבֶּער דָאס אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען דֶעם רֶבִּי'ן, דֶעם נַ'חַל נ'וֹבֵעַ מְ'קוֹר חָ'כְמָה; אַז מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיטְן זוֹהַר, מִיט דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן.

לִקּוּטֵי תְּפִילּוֹת חֵלֶק ב', סִימָן מז:

"הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, דוּ הָאסְט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַז דוּרְךְ דִיר וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה, דוּרְךְ דַיין הֵיילִיגֶע זוֹהַר וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת. אֲפִילוּ מִיר וֶועלְן זַיין אִין דִי וַוייטְסְטֶע פְּלֶעצֶער, הַסְתָּרָה שֶׁבְּתוֹךְ הַסְתָּרָה - וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה פוּן אוּנְז, אַזוֹי וִוי עֶס

שְׁטֵייט: "וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא עַל כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ".

וְהִנֵּה, יֶעצְט זֶענֶען מִיר אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע צַייט, דִי גָלוּת צִיט זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג, יֶעדְן טָאג וָואס גֵייט פַארְבֵּיי וֶוערְן מִיר וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, מִיר זֶענֶען אַזוֹי וִוי יְתוֹמִים, קֵיינֶער נֶעמְט זִיךְ נִישְׁט אָן פַאר אוּנְז.

פוּן אֵיין זַייט זֶעט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקְשַׁאפְט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִיר, פוּן דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל זֶעט מֶען אַ מִין בֶּענְקְשַׁאפְט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִיר, וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַייטְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר פַארְבֶּענְקְט צוּ דִיר, מֶענְטְשְׁן ווִילְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ, מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַוֶועק אָן אַ שִׁיעוּר, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ, אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע פְּלֶעצֶער.

בֶּאֱמֶת בִּין אִיךְ נִישְׁט דֶער וָואס זָאל דִיר קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס גֵייט פָּאר אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ וֵוייסְט דָאס אַלֵיינְס, דוּ וֵוייסְט דֶעם מַצָּב הַדּוֹר, וִוי אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת פַאלְן נֶעבֶּעךְ, אִיךְ וִויל זִיךְ פָּשׁוּט אוֹיסְרֶעדְן מַיין אֵייגֶענֶע וֵוייטָאג, וִוי אִיךְ אַלֵיינְס בִּין נֶעבֶּעךְ אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּק מַיינֶע עֲבֵירוֹת, וִוי אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פּוֹגֵם זַיין, עַל אֵלֶּה אֲנִי בוֹכִיָּ', אִיךְ וֵויין צוּ דִיר, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַ פַארְלוֹירֶענֶער, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ פַארְרֶעכְטְן? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן? וואו קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְשְׁטֶעקְן פַאר בּוּשָׁה וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעטוּן? וֵויי אִיז מִיר, וָואס טוּ אִיךְ דָא וַוייטֶער? אִיךְ וֵוייס אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, דֶערִיבֶּער קוּם אִיךְ צוּ דִיר הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן וִוי אַן אָרֶעמַאן וָואס בֶּעט זִיךְ מֶען זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים.

הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ אוֹיסְהַאלְטְן דִי צָרוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶועק זִיךְ אוֹיף אוּן וֶועק אוֹיף אַלֶע צַדִּיקִים, אוּן קוּקְט וָואס גֵייט פָּאר מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיף מִיר זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן, דוּ וֵוייסְט דָאךְ וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַלְץ

אַרִיבֶּער פוּן אָנְהוֹיבּ גָלוּת בִּיז יֶעצְט, וָואס אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְּרָטִיּוּת, וּבִפְרַט אוֹיף מִיר, וָואס אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר פוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן אוּן פוּן וֶוען מַיין נְשָׁמָה, רוּחַ וָנֶפֶשׁ, אוּן אַלֶע מַיינֶע גִלְגוּלִים זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, בִּפְרַט פוּן דֶעם גִלְגוּל, וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ עוֹבֵר גֶעוֶועזְן; וָואס זָאל אִיךְ זָאגְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְטֵיידִיגְן?

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ אַרַיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אִין זַיין הַארְץ, אַ ווִילְן מִיר צוּ הֶעלְפְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, לֵייג אַרַיין אִין דִי הֶערְצֶער פוּן אַלֶע אֱמֶתְ'עֶ צַדִּיקִים זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר, זֵיי זָאלְן זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר מִיר, זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן אִין מִיר גוּטֶע זַאכְן, זֵיי זָאלְן מִיךְ בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּ דִיר, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן, אִיךְ זָאל שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם.

הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן, דוּ הָאסְט דָאךְ אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַז דוּרְךְ דִיר וֶועט דִי תּוֹרָה נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, בֶּעט אִיךְ דִיר, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר, קוּק נִישְׁט שְׁלֶעכְט אוֹיף מִיר, אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן בִּיז אַהֶער. אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶערֶעכְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל עֵצוֹת אוּן וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן דָאךְ גֵיי אִיךְ וַוייטֶער דֶערְצֶערְעֶנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר, אִיךְ הָאבּ נָאר אֵיין וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ תְּפִלָּה; זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ, (אַז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן זַיין בַּיי דַיין צִיּוּן וֶועל אִיךְ דִיר דָאס אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר), אִין דִי זְכוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס, אָמֵן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לַ"ג בָּעֹמֶר שְׁפִּילְן דִי קִינְדֶער מִיט אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּר, כ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִין לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ מִנְהָג אַז דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ בַּיי אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַ טַעַם פוּן צַדִיקִים, עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תִּיקוּנִים, תִּיקוּן יח, דַף לו:) דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר: "לָא תְצַפֵּי לְרַגְלֵי דִמְשִׁיחָא עַד דְתֶחְזֵי קַשְׁתָּא בְּגַוְונוֹי נְהִירִין", דֶער סִימָן פוּן בִּיאַת מָשִׁיחַ וֶועט זַיין וֶוען מֶען וֶועט זֶען אַ קֶשֶׁת בְּגַוְונוֹי נְהִירִין; לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ טָאג וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה וָואס בְּרֶענְגְט מָשִׁיחַ, דֶערְפַאר גֵייעֶן דִי קִינְדֶער אַרוֹיס אִין פֶעלְד שְׁפִּילְן מִיט אַ קֶשֶׁת, מְרַמֵּז צוּ זַיין אַז לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ צַייט פוּן בִּיאַת מָשִׁיחַ.

זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער לַ"ג בָּעֹמֶר, גֵיין מִיט זֵיי אִין פֶעלְד; מֶען זָאל שִׁיסְן מִיטְ'ן בּוֹיגְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, רֶעד צוּ זֵיי פוּן שָׂכָר וָעֹנֶשׁ. אוֹיבּ מֶען טוּט מִצְוֹת בַּאקוּמְט מֶען גַן עֵדֶן, קִינְדֶער דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין גֶעבְּן גַן עֵדֶן לוֹיט זֵייעֶר פַארְשְׁטַאנְד; אוּן אוֹיבּ מֶען טוּט אַן עֲבֵירָה אִיז דָא עוֹנְשִׁים, אוּן אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי עוֹנְשִׁים.

...

## דִי פַּייל אוּן בּוֹיגְן לֶערְנְט אוּנְז אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז תְּפִלָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּר, כ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִין לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ מִנְהָג צוּ שִׁיסְן מִיט אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן, עֶס אִיז דָא כַּמָּה טַעֲמִים בָּזֶה. אֵיינֶע פוּן דִי טַעֲמִים, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקוּנִים, תִּיקוּן יח, דַף לו:): "וְסִימָנָא דָא יְהֵא בִידָךְ", דָאס זָאל זַיין דַיין סִימָן, "עַד דְתֶחְזֵי קַשְׁתָּא בְּגַוְונוֹי נְהִירִין לָא תְצַפֵּי לְרַגְלֵי דִמְשִׁיחָא", וֶוען מֶען וֶועט זֶען אַ קֶשֶׁת

בְּנִגּוּנוֹי נְהִירִין וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען; דֶערִיבֶּער שְׁפִּילְט מֶען מִיטְ'ן קֶשֶׁת צוּ ווַייזְן אַז לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ טָאג וָואס אִיז מְסוּגָל לָזֶה.

מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס הַקְדָּמוֹת קֶען זַיין פְּשַׁט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ב): "עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה", מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָּה, "וְכָל מִלְחַמְתּוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה", אַלֶע זַיינֶע מִלְחָמוֹת, "וְכָל הַכְּבִישׁוֹת שֶׁיִּכְבֹּשׁ", אַלֶעס וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען, "הַכֹּל מִשָּׁם", אַלֶעס וֶועט זַיין מִיט תְּפִלָּה; זַיין גֶעוֶוער, זַיין שְׁוֶוערְד, זַיין בּוֹיגְן - וֶועט זַיין תְּפִלָּה. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מח, כב): "בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי", זָאגְט רַשִׁ"י, מִיט תְּפִלָּה אוּן בַּקָּשָׁה; דָאס קֶען זַיין פְּשַׁט וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט פַאר זַיין זוּן, ווִילַאנְג דוּ וֶועסְט נִישְׁט זֶען אַ קֶשֶׁת בְּנִגּוּנוֹי נְהִירִין, כָּל זְמַן עֶס אִיז נִישְׁטָא תְּפִלָּה, "לָא תְצַפֵּי לְרַגְלֵי דִמְשִׁיחָא", אִיז דָאס נִישְׁט מָשִׁיחַ; דֶער סִימָן פוּן מָשִׁיחַ אִיז קֶשֶׁת הַתְּפִלָּה.

לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ הֵיילִיגֶע טָאג, עֶס וֶוערְט נִתְגַּלֶּה סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ; נֶעמְט מֶען דִי קִינְדֶער אוּן מֶען גֶעבְּט זֵיי אַ בּוֹיגְן, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז עֶס אִיז דָא אֵיין עֵצָה - תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

**זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תִּיקוּנִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב לַ"ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מַתָּנָה לְהַבָּחוּר ...

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תִּיקוּנִים, עֶס רֵיינִיגְט דִי נֶפֶשׁ רוּחַ וּנְשָׁמָה.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; פוּן דַיין לֶערְנֶען, פוּן דַיין דַאוֶונֶען אוּן בְּעִיקָר פוּן דַיין בְּרֶען אוּן פְלַאקֶער פַאר הַקָּצָה.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד קוּמְט אַרוֹיס דָאס שְׁלֶעכְטְס און מֶען וֶוערְט רֵיין

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרְשַׁת בְּהַר, י"ט אִיָּר, ל"ד בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב**

**לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אַמֶעֶרִיקֶע, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

בְּדֶרֶךְ כְּלַל שְׁרַייבּ אִיךְ אַ בְּרִיוו עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַאר דִי שׁוּלְ'ן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי לֵיינֶען דָאס פָאר בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, אִיךְ שְׁרַייבּ נִישְׁט פַאר דִי שׁוּלְ'ן אִין אַמֶעֶרִיקֶע, וַוייל תַּעֲנוּג תְּמִידִי אֵינוֹ תַּעֲנוּג; דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע פְרֵייעֶן זִיךְ צוּ הֶערְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו, זֵיי הֶערְן זִיךְ גוּט צוּ.

יֶעצְט וֶוען אִיךְ גֶעפִינְען זִיךְ אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, ווִילְט אִיר הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ, וָואס זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיר לֵיינְט יֶעדֶע בְּרִיוו מִיט דוּרְשְׁט; וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע צַייט פוּן לַ"ג בָּעֹמֶר, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי הִלּוּלָא פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי; דַארְפְן מִיר חַזֶר'ן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אוּנְז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט אִין דִי אִדְּרָא (זוֹהַר נָשֹׂא, קכח.): "אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָיא מִלְּתָא", אוּנְזֶער זַאךְ אִיז זַיין בְּאַחְדוּת, זִיךְ לִיבּ הָאבְּן; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה בִּזְכוּת הָאַחְדוּת, און אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אִין זִיךְ בְּלוּט וָואס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעאֵיידְלְט, עֶס אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטְס, דָאס בְּרֶענְגְט קִנְאָה, שִׂנְאָה, רְצִיחָה און מַחֲלֹקֶת - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דִי בְּלוּט דַארְף מֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת און לִימּוּד הַתּוֹרָה.

אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד - קוּמְט אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטְס, בִּיז מֶען וֶוערְט רֵיין. מֶען דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט, מֶען ווִיל שׁוֹין גָארְנִישְׁט - נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָא אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְרֵייד, מֶען שְׁפִּירְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה און אַחְדוּת, לַ"ג בָּעֹמֶר טַאנְצְט מֶען דָא, אַלֶע סָארְט אִידְן טַאנְצְן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת אִינְאֵיינֶעם, אַ זַאךְ וָואס מֶען

זֶעט נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, בִּפְרַט דִי יָאר אִיז גֶעוֶוען אַן אוֹיסְנַאם פוּן שִׂמְחָה, נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז גֶעוֶוען דֶערְשְׁרָאקְן אַז מֶען גֵייט נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען; דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דָא הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי מְאַחֵד גֶעוֶוען, מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

דַארְפְן מִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען אִין אַזַא הֵיילִיגֶע צַייט צוּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵויטְן, אוּן אַז מֶען שְׁפִּירְט מֶען קֶען נִישְׁט לַיידְן אַ צְוֵויטְן - דַארְף מֶען גֵיין שְׁרֵייעֶן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן שֵׂכֶל, עֶס זָאל מִיר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן גָארְנִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט נֶערְוֶועז וֶוערְן פוּן אַ צְוֵויטְן, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַ צְוֵויטְן, אִיךְ זָאל זֶען נָאר גוּטְס בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער".

נָאךְ אַ זַאךְ אִיז דָא וָואס אֵיידְלְט אוֹיס דִי בְּלוּט - לִימּוּד הַתּוֹרָה; דָאס לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא. וִוי מֶער פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת מֶען לֶערְנְט, וִוי מֶער בְּלֶעטֶער גְמָרָא מֶען זָאגְט - אַלְץ מֶער וֶוערְט מֶען מְיֻשָּׁב, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען וָואס אִיז תַּכְלִית, מֶען הָאט פְּלַאץ אִין הַארְץ פַאר אַנְדֶערֶע, מֶען קֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

שַׁבָּת בִּין אִיךְ אִין מִירוֹן, נָאךְ שַׁבָּת וֶועל אִיךְ זַיין אִין יַבְנְאֵל בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אוּן זוּנְטָאג נַאכְט וֶועל אִיךְ זַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִיךְ וִויל זַיין אַ טָאג מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. זֵיי זֶענֶען נָאכְנִישְׁט אַלְט, זֵיי זֶענֶען פְרִישׁ, אִיךְ הָאף זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן פְרִישׁ; זֵייעֶר קָאפּ טְרַאכְט נִישְׁט פוּן זִיךְ בַּאקֶוועם מַאכְן, זֵיי טְרַאכְטְן פוּן הֲפָּצָה; 'נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶעבִּינְ'ס עֵצוֹת'.

אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן וַוייל וואו אִיךְ גֵיי אוּן שְׁטֵיי קוּמֶען מֶענְטְשְׁן זָאגְן וִוי זֵייעֶר לֶעבְּן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי זַייט זֵיי הֶערְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶעבִּי'ן אוּן דוּרְךְ דִי בִּרְיוּו וָואס זֵיי לֵיינֶען.

מִיר דַארְפְן צוּרִיק פְרִישׁ וֶוערְן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...




# יא, מיטן איבערשטנ'ס הילף!

סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**